פארגרעסערטע
פסח אויסגאבע

# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 217 פסח · תשפ"ד

**וועלטליכע נייעס:**
איראן שיסט מיסלס

**צום פינטל:**
עס איז נישט דא קיין קשיא

**א מעשה פון א צדיק:**
היינט איז אויך דא מעשיות מיט מאנקיס



**פערעלעס קליידער סטאר:**
א ערשטמאליגע שמועס מיט'ן גרינדערין פ. היילפרין תחי'

76



קרית ברסלב בלעטל
ווינטשט אלע חשובע לייענער

# א כשר'ן פרייליכן פסח

18

**דער איד וואס האט זיך געשלאגן צו קענען בלייבן אין סיביר.**



לייענט די שטוינענדע געשיכטע פון הרב אשר קריטשעווסקי שליט"א וואס האט זיך מוסר נפש געווען אויפצובויען אידישקייט אין דעם וייטן פארטונקלטן סיביר.

48

**הצלת נפשות:**



א שמועס מיט'ן הצלה מעמבער און פאראמעדיק מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו אלעס איבער די הייליגע ארבעט



**ברוכים הבאים לגן עדן משפחת וועבערמאן:**

א רייכע שמועס מיט ל. וועבערמאן תחי' פון די עשרה ראשונים אין קרית ברסלב

56

צום פינטל
עס איז נישט קיין קשיא
4


אלץ און אלעמען
ליקוי חמה
8


געדאנקען
די כולל שפאנט פאראויס
10


מיט א טיפערן בליק
ורחץ אין א גרינעם מיטוואך
44


די ברסלב'ער שטוב
נערוועז ביים מאכן פסח'דיג
73


בית פיגא ווערק
נאך א יאר איז שוין פארבי
און דא ביים סדר איך שטיי
85



# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:
אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ש. ל. פליישמאן



צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
יו"ט פסח י"ד ניסן תשפ"ד

מנחה מעריב אחרי.... 08:55

הדלקת נרות א' דפסח. 07:30
מוצאי יו"ט............. 09:03
הדלקת נרות ע"ש...... 07:34
מוצאי שבת.............. 09:06
הדלקת נרות ב' דפסח. 07:36
מוצאי יו"ט............. 09:09

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Sun 21 | 51°/33° | | Partly Cloudy |
| Mon 22 | 53°/35° | | Mostly Sunny |
| Tue 23 | 54°/38° | | Partly Cloudy |
| Wed 24 | 57°/42° | | Partly Cloudy |
| Thu 25 | 59°/44° | | Mostly Cloudy |
| Fri 26 | 57°/41° | | Showers |
| Sat 27 | 58°/41° | | PM Showers |
| Sun 28 | 58°/44° | | PM Showers |




מיר ווילן בעטן יעדן איינעם בכל לשון בקשה
**ביטע נישט ספידן אינעם גאנצן שטעטל**
בפרט ביי די געגנטער וואס וואוינען מערערע מענטשן, ווי למשל אויף האשקי, טווין ברידזש.
**עס איז סכנת נפשות ממש**
ווארט נישט עס זאל חס ושלום עפעס פאסירן


ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשוב משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה אייזיק ראטה הי"ו**
**וזוגתו ברכה רייזל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל בגשמיות וברוחניות.

ב"ה

ערב פסח
שנת תשפ"ד
לפ"ק

# מרישא ועד גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי מכון עצתו אמונה

## עצתו אמונה חלק י'

# ערשטע שטאפל איז פערטיג!

גרונטליכע הגהה דורכ'ן שטאב פון פראפעסיאנאלע מגיהים אנגעפירט און באגלייט דורך דעם מנהל המכון ר' יואל שניצלער, לויט די גענויע אנווייזונגען פונעם ראש ישיבה שליט"א; דאס רעכנט אריין פארעכטן טעותים אין גראמאטיק, ספעלינג, ניקוד און מראה מקומות, אלץ צו מאכן דעם ספר געשמאק צו לערנען און שלונגען מיט דארשט איין בריוו נאכן צווייטן, בעז"ה.

מ'גיימיר ווייטער...

1

צווייטע פאזע - 2 וואכן:
אויסשטעל

2

דריטע פאזע - 3 וואכן:
צוענדיגן

3

פערטע פאזע - 2 וואכן:
דרוקן

4

נעמט אין אכט, מיטן שטיצן די פעולות פון מכון עצתו אמונה האט איר א חלק אין יעדע איינציגסטע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס ווערט געזען דורך צענדליגער טויזנטער מענטשן וואס דאס איז זיי מחזק, האלט זיי ביים לעבן, ברענגט זיי צו תשובה, און איז זיי מדריך צו א שיינע ערליכע לעבן; די בריוון ווערן היינט צו טאגס געליינט אין אימעיל, אין די וועכנטליכע קונטרס עצתו אמונה אויף אידיש און לשון הקודש, אין גליון היכל הקודש אויף אידיש, לשון הקודש און ענגליש, אין גליון שיעורי חינוך, אין קרית ברסלב בלעטל, אין די ענגלישע לייט אף אמונה, ווי אויך ווערט דאס פארגעליינט אויף קול ברסלב, אין אידיש, ענגליש און לשון הקודש.

מכון עצתו אמונה
הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

כאפט אריין א זכות
הר"ר ישעי אײדליס הי"ו
347.831.139

marketedge | 718.207.8863

# צום פינטל



## עס איז נישט דא קיין קשיא

בום! די עלעקטריציטעט איז אויסגעשאלטערט... מאמי איז זע גארנישט! מאמי אבער איך האב אריינגעוואקט אין א שאפע! אויש... איך זע נישט די גאפל! וואו איז יעדער? די גאנצע משפחה ווי א כאר, יעדער זוכט דאס זייניגע און איך דארף פארמאכן די פיס פונעם סאפע אראפלייגן די פיינע קאווע, פארמאכן די עצתו אמונה און לויפן זוכן די קינדער זיי בארואיגן, העלפן זוכן זייערע זאכן, און זוכן מיין טעלעפאן צו אויסגעפינען וואס זיי שאצן בערך ווען וועט די עלעקטערי' צוריקגיין אין קראפט.

אזוי ווי איך טו מיך אריענטירן, איך האב שוין מיינע קינדער נעבן מיך, מיט וואס קען מען זיי אונטערהאלטן זיי זאלן פארגעסן פון די שרעק, אה! דו בריוו פון עצתו אמונה... קינדער, איך וועל ענק פרעגן א שאלה איך וויל זען ווער עס קען טראכטן די ענטפער, די שאלה פרעגט איינער פונעם ראש ישיבה, מיר וועלן פרובירן צו טראכטן די ענטפער און נאכדעם לאמיר זען וואס דער ראש ישיבה ענטפערט.

מיר האבן פארענדיגט די שפיל און ברוך השם עס איז דא לעקטער, יעצט לאמיר זען וואס דער ראש ישיבה ענטפערט, קיינער האט נישט צוגעטראפן, עס איז גאר א אנדערע זאך, אין עצתו אמונה שטייט "וואויל איז דיר אז דו ביסט מקורב צום רבי'ן, טאנץ פאר שמחה אז דו האסט א ווייב, האלט אין איין חזר'ן די מתנות וואס דער אייבערשטער געבט דיר".

לאמיר אריבערמישן אפשר ביים סוף שטייט די ענטפער; "דער אייבעשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן". אלע צוזאמען (איך אויך) וואונדערן זיך פארוואס ענטפערט נישט דער ראש ישיבה אויף די שאלה? קינדער לאמיר טראכטן צוזאמען, זייער סאך מאל איז דא א שאלה וואס די גאנצע שאלה איז נאר אין א געוויסע מצב, למשל א האלבע שעה צוריק זענען געווען צענדליגע שאלות און קשיות וואס זענען מער נישט נוגע יעצט, ווען עס איז געווען טינקל האט יעדער געפרעגט שאלות, וואו איז מיין שיך, איך זע נישט די לעפל, איך ווייס נישט וואו צו גיין, איך האק אריין אין א שאנק, וואס זאל איך טון, מיר וואלט זיך געקענט צוזאמען מוטשען און טרעפן א ענטפער אויף יעדע שאלה באזונדער, אבער עס איז א שאד די צייט, אויב בלייבט מען אלעמאל לעבן אין טינקל וועט מען דארפן טאקע טרעפן א וועג ווי אזוי מען זאל וויסן נישט אריינצוואקן אין א שאנק, א וועג צו וויסן נישט אריינצולייגן די גאפל אין די נאז, א וועג ווי אזוי צו טרעפן די טיר אריין, אבער איינמאל עס איז ליכטיג געווארן זענען אלע פראגעס, שאלות, קשיות מער נישט גילטיג, קיינער דארף שוין נישט קיין תשובה, ענטפער, תירוץ, אלעס איז גוט.

זייער סאך מאל זענען שאלות וואס מענטשן פרעגן ווייל עס איז ביי זיי אויסגעלאשן די אמונה, עס איז ביי זיי פינסטער, ווען ער וואלט געפרעגט ביי א צווייטן וואלט יענער אים געגעבן זייער א שיינע תשובה, א שענערע תשובה ווי דאס וואס שטייט אין עצתו אמונה, וואלסט אים געפרעגט ווי אזוי זיך א עצה צו געבן אין די פינסטער אז דו זאלסט נשט איינהאקן אינעם שאנק יעדע צוויי מינוט, ער וואלט

אים געזאגט לעניית דעתי בלייב אין די פינסטער און צוברעך די שאנק... איך מיין עס איז דאך א סכנה, איך מאך ליכטיג, ער קען דיר נישט ליכטיג מאכן, די שאלה און תשובה זענען מורא'דיג, עס שטימט, אבער דו בלייבסט אין די פינסטער.

ווי אנדערש זענען די ווערטער פונעם צדיק, ער האט א וועג דיר ליכטיג צו מאכן, איז א שאד צו ענטפערן קטנות'דיגע תירוצים, דער צדיק קוקט אויפן גרויסן בילד, ער פארשטייט פון דיין שאלה אז עס איז דא א קורצשלוס ביי דיר, און אויבן אויף זעט עס אויס ווי ער דרייט זיך ארויס, ער ענטפערט נישט, אבער דער אמת איז, עס פונקט פארקערט, ער מאכט אז די קשיא און אלע קשיות זאלן ווערן אויס קשיות. פראביר צו דאנקען דעם אייבערשטן, פראביר צו טאנצן, מאך דיך א שיעור אין תהילים, משניות, איינמאל עס וועט דיר לעכטיג ווערן וועסטו שוין נישט דארפן קיין קטנות'דיגע תשובות, אלעס וועט זיין זייער קלאר.

אוודאי פון איין בריוו פון איין שיעור פון איין דרשה ווערט נאכנישט לעכטיג, אבער ווען מען חזר'ט און מען הערט און מען בראקט אריין נאכאמאל און נאכאמאל, פלוצלינג זעט מען, עס איז גארנישט שווער, איך ווייס ווי אלעס ליגט, מען דארף נישט צוברעכן דעם שאנק כדי דו זאלסט נישט אומפאלן.

איר פארשטייט?

טאטע לעבן איך וויל דיר פיר קשיות פרעגן... מען פרעגט ביי די סדר פיר באמבאסטישע קשיות,

פארוואס אנגעלאנט?

פארוואס טינקען?

פארוואס מצה?

פארוואס מרור?

אין שולחן ערוך שטייט מען זאל טון אלע אינטערעסאנטע זאכן כדי די קינדער זאלן פרעגן, פרעג און פרעג און פרעג, ווייל מיר האבן אנגעגרייט אזא תירוץ... אזא תירוץ... קוק אריין אין יעדע הגדה, זינט די הגדה איז ארויסגעקומען זענען יעדעס יאר באשאפן געווארן א שטויס מיט תירוצים, וואסערע שייכות האט די תירוץ מיטן קשיא, 'עבדים היינו' א מעשה פון ר' אליעזר ר' יהושע, א מעשה מיט ר' אלעזר בן עזריא, א געשיכטע מיט פיר קינדער, איין מינוט יכול מראש חודש, א מעשה מיט לבן, מיט תרח, מען דעקט אויף די מצות, מען הייבט אויף די כוס, מען דעקט צו די מצות, און ווייטער פסוקים, דער למדן שטייט און ברעכט זיך קאפ, וואס תירוץ ווי תירוץ ווען תירוץ, און ביני לביני ברענגט מען אריין




מצה און מרור און א פיינע סעודה, און די קשיות בלייבן הענגען אין די לופטן, ממש א עצתו אמונה תירוץ, וואס גייט דא פאר? וואס איז די קשיא וואס איז די תירוץ.

איז הער, די סדר דאס איז א וועג ווי אזוי א מענטש זאל אויסשטעלן זיין לעבן, דער מענטש איז פיל מיט קשיות מיט שאלות, יעדע מינוט א צווייטע זאך. עס שטערט, עס באדערט, עס שטימט נישט. פסח ביינאכט לערנט מען אויס, פאק אויס אלע דיינע קשיות, נו לאמיר הערן, פרעג ארויף פרעג אראפ, פרעג אהין פרעג אהער, אבי פרעג. געב אויס דיין ווייטאג פארוואס און פארוואס און פארוואס, עס איז נישט נוגע די קשיא, ווייל איך גיי דיר סיי ווי נישט ענטפערן, איך וועל דיר לערנען אמונה, איך וועל דיר דערציילן סיפורי צדיקים איך וועל דיר באגיסן מיט נאך אמונה אמונה אמונה, און וואס איז די תירוץ? די תירוץ איז אז עס איז קיינמאל קיין קשיות נישט געווען, איינמאל ס'ליכטיג איז מער נישט דא קיין קשיות, די תירוץ איז עבדים היינו און דער "אייבערשטער" און ווייטער דער אייבערשטער און ווידער דער אייבערשטער, און פלוצלינג סוף סדר אלעס שטימט שוין.

פארשטייט זיך אז די סדר נישט געמאכט געווארן פאר די ליל הסדר אליין, ס'איז א וועג ווייזער דו זאלסט כאפן וואס איז א קשיא און וויאזוי א קשיא ווערט אויס קשיא אן א תירוץ, עס איז נישט קיין תירוץ עס איז ליכטיגקייט עס איז אמונה וואס דו דארפסט ארייליייגן און פרעגלן אין דיין קאפ, האקן און בראקן נאך א שיעור נאך א בריוו נאך א דרשה ביז דו וועסט אליין פארשטיין, עס איז נישט דא קיין קשיא.

גרשון קרעמער



## איראן שיסט מיסלס

פארגאנגענעם שבת קודש האט איראן געשאסן אויף מדינת ישראל טעריטאריע איבער הונדערט טפופציג שאהיד דראונס, איבער הונדערט באליסטישע מיסלס, און צענדליגע קרוז מיסלס, אויך די פארשידענע איראנער פראקסיס (איראנע פארבינדעטע גרופעס, וואס זענען אפציעל נישט א חלק פון איראן) ווי די כותים פון תימן, און כיזבאלא פון לבנון האבן צוגעהאלפן מיט שיסן פון זייערע טעריטאריע פארשידענע מיסלס און באמבעס.

געלויבט דעם אייבערשטן אז עס זענען נישט געווען קיין געשעדיגטע, דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין הארץ פון די מערב וועלט אז זיי זאלן קומען צו הילף, און די אלע הונדערטע מיסלס און דראונס זענען אראפ געשאסן געווארן דורך די פארשידענע פארטיידיגונג סיסטעמען.

עס קען נישט געשריבן ווערן אן דערמאנען אז מיר פארלאזן זיך נישט אויף די מזרח וועלט, און נישט אויף די מערב וועלט, נישט אויף פראנקרייך, נישט אויף אמעריקע, נישט אויףביידען, און אויך נישט אויף טראמפ, און זיכער נישט אויף די ציוניסטישע ממשלה. מען דארף ווייטער מתפלל זיין דער אייבערשטער זאל האלטן די רעכטע האנט אויף אונז אידישע קינדער אין די גאנצע וועלט, און בפרט אויף תושבי ארץ הקודש, וואס שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו, א גוי האט פיינט א איד, ער קען נישט צוקוקן ווי אידישע קינדער לעבן מיט די תורה, לעבן מיט'ן אייבערשטן, און זוכט אים אויסצורייסן ברוחניות ובגשמיות, אין די גאנצע וועלט שטייען ערליכע אידן אויס גזירות פון די דעמאקראטישע רעגירונגען וואס "זארגן זיך זייער" אויף אונזער וואוילזיין, און ווילן צווינגען אידישע מוסדות מען זאל לערנען מיט זיי אלע שמוץ און ליבעראלע איידיעס, מינות און אפיקרוסות, רחמנא ליצלן. אבער מיר וועלן ווייטער טון דאס וואס האט אונז געהאלפן איבערלעבן אלע גזירות און השמדות, מיר וועלן זיך ווענדן צום באשעפער שעמדה לאבותינו ולנו, און הקדוש ברוך הוא מצלינו מידם.

דאס קומט אלץ נקמה אויף דעם וואס מדינת ישראל האט צוויי וואכן צוריק באמבאדירט דער איראנער אמבאסאדע אין סיריע, אומברענגענדיג זעכצן איראנער, צווישן זיי הויכראנגיגע גענעראלן. דאס קומט צוליב וואס איראן טוט כסדר שיקן זייערע שליחים וואס טעראריזירן מדינת ישראל צילן, צי זאל עס זיין אין סיריע, לבנון, עזה, תימן און אזוי ווייטער. דאס קומט נאכדעם וואס אמעריקע - וואס איראן קוקט אן אלץ שותף מיט מדינת ישראל - האט אומגעברענגט איינע פון די העכסטע גענעראלן פון איראן קאסאם סולימאני ארויספארנדיג פונעם באגדאד לופטפעלד אין איראק. דאס איז געווען נאכדעם וואס טראמפ האט באשולדיגט סולימאני אז ער איז געשטאנען אונטער פילע אטאקעס קעגן אמעריקאנער אינטערעסן איבער די וועלט. דאס איז געווען צוליב...

זאל איך גיין ווייטער? אדער איך קען שוין אויספירן חד גדיא, חד גדיא? דער אמת איז אז אויך דער חד גדיא ווערט זיך ענדיגן די זעלבע ווי דער פיוט חד גדיא וואס מיר וועלן זינגען פסח אויפדערנאכט נאכן סדר. אז צום סוף ואתה מלאך המוות ושחט לכומעני, וואס האט געשאסן אויף ביבי, וואס האט מלחמה געהאלטן מיט כאמאס, וואס האט טעראריזירט די מדינה, וואס האט זיך גערייצט מיט איראן, וואס האט טעראריזירט אמעריקע וועלכע האט אומגעברענגט סולימאני, חד גדיא חד גדיא. און צום סוף וועט דער אויבערשטער העלפן אז די צדיקים וועלן מגלה זיין דעם אייבערשטן אויף די גאנצע וועלט, און משיח וועט קומען און די וועלט וועט איינזען אז עס איז גארנישט דא אויסער דעם אייבערשטן און דאן וועט געשען אז "ואתא הקדוש ברוך הוא ושחט למלאך המוות"

**חד גדיא חד גדיא**

# הויך, נידעריג, טיף.

**העכער**
א טרייסל...
האסט געשפירט עפעס?
ניין!
עס איז א ערד ציטערניש!!
אה! נידריגע האבן עס שוואך געשפירט,
העכערע האבן עס געשפירט... אביסל,
נאך העכער... אה... דארט פליען טעלערס.
גאר הויכע... בנינים פאלן!!

וואוו! ווי העכער אלס שטערקער שפירט מען דעם טרייסל,
אונטן איז עס קליין,
אויבן גייט עס שטערקער,
נאך העכער נאך שטערקער.

ווען דו זאגסט: 'אייבערשטער העלף מיר',
א נידריגער, קוקט און לאכט: הע!
וואס האסטו געטון? גארנישט!
דער צדיק איז שוין עטוואס העכער,
וואוו! דאס איז עפעס! עפעס גאר חשוב!

אבער אויבן הויך... גאר גאר הויך,
עס קומען אן די פאר ארימע ווערטער,
דארט פאלן בנינים! דארט דרייט זיך אלעס איבער!
אזא רעש אזא טימל!

**נידעריגער**
א נידריגע בוים שוואכע ווארצלען,
ווינטן גייען עס נישט אראפוואַרפן,
עס שטייט נישט אין ווער פארן ווינט.

א הויכע בוים דארף זיין טיף אין דער ערד,
כדי עס זאל אויסהאלטן שטארקע ווינטן.

אויב ביסטו נישט טיף איינגעווארצלט אין דער ערד,
קענסטו דיך האלטן שטארק ווען ס'בלאזן געהעריגע ווינטן,
בייזע ווינטן וועסטו נישט אויסהאלטן.
אויב ביסטו טיף טיף איינגעווארצלט מיט אמונה,
אויב האסטו טעגליך א שטארקע דאוז פון 'אייבערשטער'
נישט געזארגט, וועסט אויסהאלטן די מערסטע געפאר־פולע ווינטן!

**טיף אראפ**
דער פייל אין בויגן,
ווי נידריגער מען ציט עס,
אראפ אראפ,
כמעט די שטריק זאל זיך צורייסן,
אלס ווייטער פליעט עס,
אלס שטערקער צילט עס.

א באל ווערט געווארפן,
אויב טרעט ער אביסל צוריק,
וועט עס פליען... אביסל.
א ווארף מיט א האסטיגע טריט צוריק,
דאן וועט עס פליען גאר קרעפטיג,
געב אכטונג... עס קען צוברעכן שויבן,

ביסט הויך, דיינע תפילות ווערן זיכער אויסגעהערט,
ביסט נידריג, דיינע תפילות שפאלטן הימלען,
ביסט גאר טיף אראפגעצויגן,
דו ביסט נידריג טיף אין שאול תחתית,
דיינע תפילות ברעכן פענסטער'ס און טויערן,
איז זאג איין ווארט: טאטע! איך וויל זיין גוט!
געב אכטונג! עס ברעכט דורך ביז דו העכסטע הימלען!

גרשון קרעמער



# איבערזיכט איבערן היסטארישן ליקוי חמה פארגאנגענעם ערב ראש חודש סיון תשפ"ד

אין צענדליגע שטעט איבער צפון אמעריקע האט מען אין דעם פארגאנגענעם מאנטאג מיטגעהאלטן דעם זעלטענעם מחזה ווי די צוויי באדינערס פון באשעפער די צוויי כוכבי לכת את המאור הגדול דער זון און דער מאור הקטן לממשלת הלילה דער לבנה שפאצירן דורך איינע דעם צווייטן, און די לבנה "לעשט אויס" די זון פאר עטליכע מינוטן.

דער שרייבער פון די שורות האט געהאט די געלעגענהייט מיטצוהאלטן דעם ליקוי פערזענליך ארויפפארנדיג ארויף צום שטעטל פּאָטסדעם ניו יארק, ווי מיר האבן געפונען א שטילע ווינקל. באמת וואלטן מיר עס געקענט מיטהאלטן אסאך פריער אנגעהויבן פון סיריקיוז, און דערנאך אין וואטערטאון, און דערנאך אין גאווערנאר, אבער אזוי ווי די וועטער האט געזאגט אז וואס מער רעכטס וועט זיין מער טונקל האבן מיר באשלאסן צו פארן ווייטער ארויף ווי ווייט מעגליך די צייט האט ערלויבט, און עס האט אויסגעזען א גאנצן צייט ווי מיר האבן א פארמעסט צווישן די לבנה און די וואלקענעס ווער עס וועט פריער באדעקן דעם זון. במשך דעם וועג האבן מיר מיט די משפחה וואס זענען מיטגעקומען כסדר מתפלל געווען אז די פלאג זאל זיך האבן אויסגעצאלט, און מיר זאלן קענען זעם זעלטענעם געשעעניש.

מיר זענען אנגעקומען נעבן א גאז סטאנציע וואס איז געשטאנען נעבן א וואסערל ווי עס זענען נישט געווען קיין סאך אנוועזנדע, א רואיג ווינקל, מיר האבן געקוקט מיט די ספעציעלע גלעזער און געזען ווי אלע פון גאנץ ניו יארק סטעיט ווי די זון ווערט "איינגעביסן" און דערנאך ווערט עס קלענער און קלענער, מען האט געזען די אינטערעסאנטע "לבנה" שאטנס, און שפעטער האט אנגעהויבן צו ווערן אביסל מער טונקל, אזוי ווי ווען עס איז פארוואלקענט, ביז די זון האט ווי געגעבן א פלאקער אויף און מיט א מינוט שפעטער איז געווארן טונקל. מען האט געקענט זען מיט די פשוטע אויגן די לבנה וואס האט זיך געשטעלט פונקט אינמיטן פון די זון, עס האט אויסגעזען ווי א שווארצע באל וואס שיינט ארויס דערפון א שטארקע ווייסע שיין. נאך א גרויסע אויסגעשריי דורך אלעמען, איז געווארן שא שטיל, אלע האבן געקוקט מיט בייז ווינדער ווי די זון איז "שווארץ געווארן" אינמיטן העלן טאג, דאס האט אנגעהאלטן אביסל מער פון דריי מינוט, ביז די זון האט פריש ווי אויפגעפלאקערט און עס איז צוריק געווארן ליכטיג.

די זון שיינט יעדן טאג און מאכט אונז ליכטיג, אזוי אויך די לבנה טוט איר פליכט וואס דער באשעפער האט אויף איר ארויפגעלייגט צו באלייכטן די נאכט, אבער ווער קוקט אויף זיין, אויסער די קורצע בליק ביי קידוש לבנה, טראכט קיינער נישט פון זיי, און דוקא ווען עס גייט נישט גוט פארן זון, עס קומט א לבנה און שטערט איר שיין, ווערט די זון אינטערעסאנט. דו שיינסט און לייכטסט, דו טוסט זיין פליכט וואס דער באשעפער געבט דיר, עס דאכט זיך דיר אז עס איז גארנישט ווערט, ווער באמערקט דיין דאווענען? ווער איז מחשיב דיין נעגל וואסער? אבער ווען עס גייט דיר איבער, דו האסט שוועריקייטן און דו גייסט ווייטער אן, דיין קומט דיין שיינקייט ארויס.

טייערע לעכטיגקייט, דו שיינסט ווי די זון, גיי אן ווייטער, האב נישט מורא פון די וואס פארשטעלן דיין וועג, פאלג דעם רצון ה', טוה וואס דער צדיק הייסט דיר, און פאלג אפילו עס זעט דיר אויס ווי די וועג איז שווארץ, דיין שיין גייט נישט דורך, ווייל נאכדעם וועסטו זען אז דיין שיין וועט זיין אסאך שענער און זיסער ווי אייביג.

קרעדיט: נפתלי זאבעל



די פינקרויטע פונקן זענען סאלאר פלעירס, דאס זענען מאסיווע עלעקטרא-מאגנעטישע ראדיאציע פלאמען וועכע שיסן ארויס צייטנווייז פון די זון, זיי קענען גרייכן צו איבער 60,000 מייל, (אדער 10 מאל די דיאמעטער פון די ערד!!)



נאך א בילד בשעת'ן טאטאליטעט, מען זעט קלאר ווי די גאסן לעמפ האבן זיך געגעבן א צונד אן צוליב די שטארקע פינצטערניש... די טעמפעראטורן זענען היפש געפאלן אין די דריי מינוט, פון די מיטעלע 60 צו די מיטעלע 50!









דער פראגרעס פון די לקוי חמה, אנגעהויבן פון 2:16 נאכמיטאג מאנטאג תזריע, כ"ט אדר שני, תשפ"ד, די לעצטע בילד איז ווען די זון איז פולקאם פארשטעלט געווארן דורך די לבנה אום 2:28 , אין ברייטאן, ווערמאנט.

משה אריי שניצלער

# די כולל שפאנט פאראויס



איך קען אייך זאגן איין זאך! אנטלויף נישט פאר שולחן עורך!ווארט אויס דיין שפע! לויף נישט אוועק! געב עס פינף מינוט!

איך האב אסאך עקספיריענס אין דעם געביט פון אויסווארטן און נישט אנטלויפן.

די כולל האט זיך אנגעהויבן געגוי זעקס יאר צוריק מיט צוויי אינגעלייט, און יעצט האב איך געדארפט זיין ביי דריי מסיבות פאר די כולל אין דריי טעג ברוך השם! כ'האב געדארפט דרייוון פיר הונדערט מייל אין צוויי טעג! כ'האב קיינמאל נישט גע'חלום'ט אין ווייטסטן חלום אז עס וועט אנקומען צו דעם!

זונטאג פרשת תזריע האב איך געדארפט זיין ביי די מסיבה אין וויליאמסבורג ביי אונזער חשוב'ער חבר מאטי נ"י, וואס האט מיט א צייט צוריק געפראוועט א סיום הש"ס, און דער ראש ישיבה איז געקומען צו מאטי אינדערהיים באשיינען דעם סיום הש"ס, דערמיט אויסדרוקענדיג די היכל הקודש



וויזיע, אז מ'קען האבן ביידע, די וועלט און יענע וועלט. מ'קען האבן א ביזנעס, מאכן געלט, דרייוון א שיינע קאר, זיצן אין א באלעבאטישן דיינונג רום מיט א מאיעסטעטישע שאנדיליער, זיין א גבר בגוברין, און לעבן מיטן אייבערשטן, איינשלינגען מיט דורשט נאך און נאך בלעטער גמרא.

כ'בין ארויסגעפארן פון שטעטל פינף אזייגער, אנגעקומען אכטעג, ס'איז נישט געווען קיין טרעפיק גראדע, נאר כ'האב געמוזט עטליכע מאל זיך אפשטעלן, רעדנדיג מיט נדבנים פון די כולל, כ'האב געדארפט טשארדזשן די קארטל אדער טעקסטן אין ענגליש brucha v'hatzlucha and asaaaaaaaaach nachas די עיקר וואס האט מיר גענומען אסאאאאאך צייט איז די לאנגע ווארט אסאאאאאאאך נחת. (אזוי ווי יענער וואס האט געזאגט פאר זיין ווייב אז היינט קומט ער אהיים אביסל שפעטער ווייל מ'גייט טוישן פון ותן ברכה צו ותן טל ומטר) כ'האב געדאווענט מעריב און אריינשפאצירט צו דעם קעניגליכן טיי אוונט אין דעם העכסט עלעגאנטן דיינונג רום, אונטער די פינף שווערע גלאזערנע סוואראווסקי שטיינער וואס האבן באלויכטן דעם גאנצן ארום.

די סעסעמי' טשיקן איז געווען די בעסטע אין גאנץ ניו יארק והגלילות... די קוגל האט געהאט אזא געשמאקן היימישן טעם אז מ'האט זיך נישט געקענט צוריק האלטן פון נעמען א צווייטע און א דריטער סלייס, די סושי איז געווען וואס מ'סערוווירט ביי בני מלכים, מלא טעם.

מען איז געזיצן און געווארט און געהאפט אז דער ראש ישיבה זאל אנקומען, מען האט נישט געוואוסט אויף זיכער צו דער ראש ישיבה קומט, ס'איז געווען בבחינת תלוי ועומד.

אינדערצווישן האט זיך אויפגעשטעלט אונזער אלעמען באליבטער מו"ה יוסף זינגער הי"ו און אנגעהויבן דעם פראגראם אלס עם. סי. (master of ceremonies) און זיך באדאנקט פאר די ארגאניזירער פון דעם טיי אוונט און פאר אלע באטייליגטע און פאר אלע תומכים, און ארויפגערופן דעם מנהל הכולל זאל אנווארעמען די באטייליגטע ווי גרויס ס'איז דער זכות פון העלפן א פלאץ וואו מ'לערנט בהתמדה רבה. ס'איז געווען שיינע שמועסן בנוגע די שבת פון דעם כולל. מ'האט אויך געשמועסט אז ס'איז דא א אינגערמאן וואס איז א מלמד און א באס דרייווער און ער גייט שוין גיין צו די דריטע סעודת ראש חודש! ער האט שוין אריינגעברענגט פופצן טויזנט דאלער! יעדער קען עס באווייזן. (אדרבה, ער וועט אייך גערן זאגן ווי אזוי ער באווייזט דאס).

**מ'קען האבן א ביזנעס, מאכן געלט, דרייוון א שיינע קאר, און לעבן מיטן אייבערשטן.**

אום עלף אזייגער האט מו"ה ישעי' איידליס נ"י זיך פארבינדן פון דעם ראש ישיבה'ס הויז פרעגן צו ס'איז שוין געענדיגט די מסיבה, צו יעדער איז שוין אהיים, ווען מ'האט געענטפערט אז ס'איז נישט געענדיגט איז דער ראש ישיבה געקומען. דער ראש ישיבה האט געמיטליך געשמועסט ביז איינס אזייגער. ס'איז געווען פיינע געשמאקע שיחות. בעיקר האט מען גערעדט פון צוויי נקודות, איינס, פון די וועג ווי אזוי צדקה ארבעט, צו א גבאי צדקה זאל געבן לייכטער און ברייטער אז די נצרכים זאלן זיכער באקומען וואס זיי דארפן, און ס'קען אמאל זיין אז א חלק פון די קאסע וועט אנקומען צו מענטשן וואס קענען זיך גרינג באגיין אן דעם, אדער זאל מען שטעלן שטרענגע גיידליינס צו פארזיכערן ענדערש אז ס'קומט נישט אן קיין געלט דארט וואו ס'איז נישט שטארק נויטיג. ס'איז געווען א פארצווייגטע שמועס מיט פארפלאנטערטע מצדדים לכאן ולכאן, ווען די באטייליגטע האבן זיך אנטשולדיגט אז אפשר איז נישט דרך ארץ'דיג צו נעמען א צד אין א צדקה וואס דער ראש ישיבה איז אריינגעטון דעריין ראשו ורובו, און אפשר איז עס א פחיתות הכבוד צו נעמען א שטעלונג, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ס'איז א געזונטע זאך אז מ'שמועסט זיך אויס, און אז דאס אויסשמועסן העלפט גאר ארויס אז מ'זאל צוקומען צו די ריכטיגע באשלוסן וויאזוי צו פירן די צדקה קאסע.



די צווייטע נקודה וואס דער ראש ישיבה האט ארומגעשמועסט האט צו טון מיט די תקופה ווען דער ראש ישיבה איז געווען אין א אנדערן מוסד, מ'האט געשמועסט פון דעם הערליכן ארטיקל פון מו"ה ר' יחזקאל סאמעט הי"ו, דער ראש ישיבה איז איבערגעגאנגען אסאך פאסירונגען פון יענע צייטן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מ'האט געקענט פארמיידן אסאך עגמת נפש, ס'איז געווען אזוינע וואס האבן זיך געפירט היצקעפיג. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט געבעטן מ'זאל זיך נישט רייצן, אבער ס'איז געווען אזעלכע וואס האבן זיך נישט צוגעהערט און זיך יא גערייצט און גורם געווען אומאיינגענעמליכקייטן. דער ראש ישיבה האט געזאגט לאחר המעשה זעט מען אז אלעס איז פון הימל, אבער ס'איז נישט ריכטיג זיך צו רייצן און גורם זיין שטרייטן, מ'דארף זיך נישט פירן "דוקא'דיג", מ'דארף נישט גורם זיין אז יענער זאל מיך אנקוקן ווי א שונא, ווי א אונטערגרובער, די ריכטיגע וועג איז אז מ'שאקלט מיט'ן קאפ כאלו איך בין אינגאנצן אויף דיין זייט און אזוי איז אלעס רואיגער פאר יעדן איינעם.

דרך אגב, דעם דאנערשטאג פרשת שמיני, ביי די שמועסן נאך די ליל ששי שיעור, האט דער ראש ישיבה אויך גערעדט פון נישט זיך מתוכח זיין מיט מענטשן, אויב איינער זאגט דיר פארוואס טוט דער ראש ישיבה אזוי און אזוי? פארוואס זאגט דער ראש ישיבה אזוי און אזוי? ענטפער אים אז די הנהלת היכל הקודש איז אריין צום ראש ישיבה און אים געבעטן אז ער זאל נישט אזוי טון / זאגן, און ווי עס זעט אויס האט עס דער ראש ישיבה אנגענומען...

## דער ראש ישיבה האט געבעטן מ'זאל זיך נישט רייצן, ס'איז נישט ריכטיג אזוי צו טון.

צען מינוט נאך איינס איז דער ראש ישיבה ארויס פון די מסיבה. איך בין אראפ די זעקס שטאק מיט דער ראש ישיבה, דער ראש ישיבה האט געפרעגט אויב די טיי אוונט איז געווען א סוקסעס, האב איך געזאגט אז יא, כ'האב געזאגט די סכום בערך, דער ראש ישיבה האט מיך געפרעגט דו קומסט מארגן נאכאמאל? (צו די סעודת ראש חודש) האב איך געזאגט אז יא. ווער גייט דארט זיין? האב איך געזאגט אלעס זעקס נעמען. האט דער ראש ישיבה געזאגט "זייער גוט"

דערנאך בין איך צוריק געפארן אין שטעטל. האלט מען שוין ביי צוויי הונדערט מייל...

מאנטאג בין איך צוריק געקומען קיין וויליאמסבורג צו זיין ביי די סעודת ראש חודש. ס'איז ווערד געווען כל הון דעלמא, ס'איז געווען שיינע שמועסן פון פסח, פון חינוך און פון שלום בית. מ'וועט עס אם ירצה השם קענען הערן אויף די האט ליין.

דערנאך בין איך צוריק געפארן אין שטעטל. האלט מען ביי פיר הונדערט מייל - פון זונטאג פינף אזייגער נאכמיטאג, ביז מאנטאג צוויי אזייגער ביינאכט.

דינסטאג איז געווען די דריטע כולל מסיבה אין דריי טעג, אין שטוב פון מו"ה משולם פינטער הי"ו אין שטעטל. די מסיבה איז געווען אין איינקלאנג מיט די החלטה פון הנהלת הכולל אז דאס יאר גייט מען מאכן א עקסטערע כולל מסיבה פאר אלע זיבן שולן ווי מ'דאווענט שבת. די יעצטיגע מסיבה איז געווען פאר די מתפללים פון בית המדרש אשר בנחל, אויף דענמאן גאס.

די הצלחה פון די מסיבה איז געווען למעלה מן המשוער, א גרויס חלק פון די הצלחה איז געווען דאס אז דער וואס האט זיך אפגעגעבן מיט'ן איינלאדענען דעם ציבור איז געווען אונזער באליבטער מו"ה אשר לעמל זוסמאן הי"ו מיט זיין ב'חן'טן לשון לימודים. יעדער וואס קומט נאר אין ווארט מיט אים באקומט א הארציגן שמייכל וואס צווינגט אומדירעקט נאכצוקומען די בקשה וואס ר' אשר לעמל טוט אייך פרעזענטירן, אין היינטיגן פאל איז עס געווען צו רופן דעם עולם זאל ערשיינען פערזענליך ביי די כולל מסיבה. דער גאנצער עולם איז געקומען צו גיין צו



העלפן די כולל. מ'האט געשמועסט אז ר' אשר לעמל האט א זיסע וועג פון רעדן און מ'קען אים פשוט נישט אפזאגן.

דער עולם האט זיך געזעצט צו רייך געדעקטע טישן, ביי די זייט האט געבאבלט די סטערנאו (sterno) און געהאלטן ווארעם די רייכע ברייטע נאכטמאל וואס איז געווארן סערווירט, אויב ס'איז נישט געווען גענוג די ברייטע קייזערליכע נאכטמאל, האט מען נאך ארויסגעברענגט יעצט פריש פון אויבן הייסע ראפאגאש חלות, למען ישמעו, אז דער עולם זאל געדענקען אז די כולל מסיבה מעניו איז נישט קיין קינדער שפיל.

בערך צען אזייגער איז דער דיין שליט"א געקומען באשיינען די מסיבה, דער דיין האט זיך אויפגעשטעלט רעדן בשבח הכולל. דער דיין האט דערציילט א הערליכע מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט איבער א באלעבאטישן איד מיט'ן נאמען ר' לייביש, וואס האט געהאט די זכי' צו שטיצן הרה"ק ר' משה'לע פשעווארסקער זכותו יגן עלינו, ובזכות זה האט ער באקומען א מתנה, א קינד א צדיק, דעם הייליגן צאנזער רב זכותו יגן עלינו.

**געהאט די זכי' צו שטיצן א צדיק, ובזכות זה באקומען א קינד דעם הייליגן צאנזער רב זי"ע.**

דערנאך האט מען גערעדט פאר'ן עולם איבער די זכותים וואס מ'קען זיך איינהאנדלען, פרנס החודש, פרנס השבוע, פרנס היום. און מ'קען לייגן א צעטל לעילוי נשמת, אדער פאר א ישועה, אדער לרגל א שמחה, מ'האט אויך געשמועסט אז מ'גייט זיך פארהערן אויף "גאנץ הלכות שבת"! און מ'קען זיין דער ערשטער "פטרון חבורות הלכות שבת"!

דערנאך איז דער עולם ווייטער געזיצן געמיטליך בשעת עס פארן אריין טעצער מיט זיסווארג, מיט פינעקאלאדע, מיט ווארימע בראוני וואס האלט אונטער מיט סבלנות די אייז קאלטע אייס קרים, אזוי בין גברא לגברא, בין אייסקרים לבראוני קעיק האט דער עולם געשלינגען מיט דורשט נייע געשמאקע וויצן יעצט פריש סערווירט דורך אונזער טייערן מו"ה מעכי ראזנפעלד הי"ו, דער עולם האט נישט געקענט אטעמען פון געלעכטער, ס'איז געווען ממש א דילעמע, אדער הערן די וויצן, אדער עסן די אייסקרים, ס'איז געווען כמעט אוממעגליך ביידע בענעזאם, מ'האט זיך געדארפט בעטן מ'זאל לאזן צוויי מינוט עסן די אייסקרים, און דערנאך ווייטער גיין מיט די וויצן.

צווישן אנדערן האט ער אויך דערציילט פון יענעם שדכן וואס האט אנגעטראגן פאר א בחור א מיידל מיט אלע חסרונות, ס'פעלט איר האלב פון די פינגערס אויף ביידע הענט, ס'פעלט איר איין אויער, בלינד אויף איין אויג, א גרויסן ווארצל אויפן שטערן וואס באדעקט די גאנצע נאז, און ער זאגט פאר דעם בחור אז זי האט א מיליאן דאלער א ירושה, מ'האט געמאכט דעם שידוך קוקענדיג בעיקר אז ס'איז דא געלט. שפעטער באפאלט דער בחור דעם שדכן אז ער האט אים געמאכט אומגליקליך! ליגנער! שקרן! נישטא קיין דאלער אחת! נישטא קיין פרוטה אחת! ליגנער! שקרן!

שריי נישט, זאגט דער שדכן, וואס ליגנער? ס'פעלט איר פינגערס? יא! בלינד? יא! טויב? יא! יא! די ווארצל אויפ'ן שטערן איז דא? יא! נא וועגן איין קליינע ליגנט מאכסטו יאאאלעס?! די זעסט דאך אז די רוב זאג איך אמת!

האט מען געשמועסט, אז אויב איך בין שוין יא בלינד, כ'האב שוין יא פארשמירט די אויגן, לאמיר כאטש זאגן א פרק משניות. געב כאטש אהער די ריכטיגע מיליאנען, די בלעטער גמרא, אז איך בין שוין יא א אומבאליפערטער, לאמיך כאטש נישט זיין א אויסגעשפילטער פון אלע זייטן, אז איך בין שוין יא א קריפל, לאמיר כאטש נעמען א תהלים און זאגן איין קאפיטל.





# מעשיות פון תפילה

## יואל קליין

ישיבת היכל הקודש ירושלים

דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט וועגן די גרויסקייט פון אנטון תפילין דרבינו תם יעדן טאג, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל פאלגן און אנטון יעדן טאג תפילין רבינו תם אבער איך האב נישט צו באצאלן זעקס טויזנט שקל.

איך האב געבעטן נאך אמאל און נאכאמאל, און עס איז געשען א נס בתוך נס, דער אייבערשטער האט מיר געשיקט די גאנצע געלט אויף זייער א גרינגע וועג, איך האב געקענט קויפן תפילין און א שיינע תפילין בייטל.

היינט איז אויך דא מעשיות מיט מאנקי'ס, היינט הערט מען אויך מעשיות פון מופתים אזוי ווי אמאל.

שכח אייבערשטער וואס דו האסט אונז געשיקט א ראש ישיבה וואס לאזט אונז נישט זיך מייאש זיין פון בעטן דעם אייבערשטן.

## לייבי אפפעל

קרית ברסלב

איך האב געטראגן מיין ווייב צום דאקטער, אויפן וועג האב איך געזען אז איך וועל לכאורה נישט אנקומען אין צייט, וואס דאס קען גורם זיין אז מען זאל איר בכלל נישט אננעמען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל איר אריינלאזן אפילו מען וועט אנגעקומען שפעט צום דאקטער.

למעשה איז מען טאקע אנגעקומען שפעטער פון די צייט, אבער מען האט איר ברוך השם אריינגעלאזט אן קיין פראבלעמען. שכח אייבערשטער .

## זלמן וויזעל

בראכפעלד

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן מצות פון א געוויסע קאמפאני וואס האבן זייער גוטע מצות וואס איך וויל שוין זייער לאנג האבן פון זיי מצות פאר פסח, איך בעט שוין פאר דעם אפאר חדשים.

די פארגאנגענע וואך איז צוגעקומען צו מיר איינע פון די ארבעטערס ווי איך ארבעט און האט מיר געפרעגט צו איך וויל קויפן מצות פון יענע קאמפאני, ער האט די וועג וויאזוי מען קען צוקומען דארט, איך האב אים גלייך געזאגט אז איך דארף.

שכח אייבערשטער אז ער האט עס ערלעדיגט פאר מיר, און איך האב שוין ברוך השם די הייליגע מצות.

## יצחק אייזיק ראזענבוים

קרית יואל

איך האב פארלוירן מיין תורם מאשין, עס קאסט $350 דאללער, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, איך האב געזוכט איבעראל אבער נישט געטראפן. איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אפירקומען.

למעשה בשעת'ן פסח'דיג מאכן האט מען עס ברוך השם געטראפן, עס איז געליגן אין א טאפ...

## מנשה איצקאוויטש

בארא פארק

1. איך האב מיר געדארפט טרעפן מיט איינעם, אבער איך האב נישט געהאט קיין חשק זיך צו טרעפן מיט אים, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז יענער זאל זאגן אז ער איז נישט אוועיליבעל היינט צו קומען, און שכח אייבערשטער אז יענער האט מיר גערופן זאגן אז ער קען נישט היינט קומען.

2. איך האב באקומען טיקעטס פון איזי-פעס צו אן אנדערע אדרעס, עס איז אדורך א לאנגע צייט וואס איך האב נישט גענומען דארט די פאסט במילא האב איך נישט געוויסט דערפון און נישט קעיר גענומען דערפון, למעשה ווען איך האב עס שוין געזען איז עס געווען אן אלטן ביל, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן עס וועלן אפמעקן, איך האב זיי ארייגערופן, אבער עס האט נישט געארבעט, זיי האבן נישט געוואלט מיר העלפן דערמיט, איך האב שפעטער נאכאמאל ארייגערופן און גערעדט צו א צווייטן, און ברוך השם ער האט עס געקענט אפווישן אינגאנצן.

3. איך האב אראפגעלייגט מיין שירעם אין בית המדרש, נאכן דאווענען האב איך עס נישט געטראפן ס'איז נישט דא, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, דעם קומענדיגן טאג האט מיר מיין חבר גערופן אז ער האט עס גענומען בטעות, און ער גייט עס מיר צוריק ברענגען.





# מעג איך עסן טשאקאלאד פסח?

## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**
**אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת וָואס מַיין טַאטֶע פִירְט זִיךְ אוּם פֶּסַח? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַן אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה, מִיר מַאכְן דֶעם פֶּסַח בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים, אִיז דִי שְׁאֵלָה אוֹיבּ אִיךְ מוּז נָאכְמַאכְן אַלֶע חוּמְרוֹת פוּן מַיין טַאטֶע. אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן עֶסְן גֶעבְּרָאקְטְס אוּן דָאס גְלַייכְן, נָאר אַזֶעלְכֶע חוּמְרוֹת וִוי לְמָשָׁל נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין גֶעקוֹיפְטֶע זַאכְן, מִילְכִיגֶע פְּרָאדוּקְטְן, טְשָׁאקָאלַאד, אוּן נָאךְ.**

## א בריוו פון דער ראש ישיבה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קֶעגְן חוּמְרוֹת (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה), אֲפִילוּ לְגַבֵּי חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח - הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין מִיט חוּמְרוֹת וָואס בְּרֶענְגְט מָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט: "וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג אוּן אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעוִויסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ' - בִּין אִיךְ אוֹיךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם טָעוּת, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן פַארְלוֹירְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוִויסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז מִיר בֵּייגֶעפַאלְן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קַיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?'"

דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער דוּרְכְאוֹיס גַאנְץ יוֹם טוֹב עֶס זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם קַיין מַשֶׁהוּ חָמֵץ, "הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'דִי בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען קְוַואל וַואסֶער', וַוייל אַ קְוַואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קַיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ", אָבֶּער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְוַואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פַארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוַואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער **בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת**, הַיינְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אַלֵיינְס".

מִיט דֶעם אַלֶעם פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פֶּסַח נִישְׁט אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען דִי נָאכְגֶעמַאכְטֶע זַאכְן פוּן חָמֵץ. דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן הָאבְּן חוּמְרוֹת, אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן פֶּסַח "פִּיצַה", אֲפִילוּ עֶס אִיז גֶעמַאכְט כָּשֵׁר לְפֶּסַח.

אוֹיךְ זֶענֶען מִיר מַקְפִּיד אוֹיף בְּרָאקְן, מִיר בְּרָאקְן נִישְׁט פֶּסַח נָאר אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, אוֹיךְ זָאל מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אָפְּצוּשֵׁיילְן דִי יְרָקוֹת אוּן פֵּירוֹת מִילְכִיגְס קֶענְסְטוּ עֶסְן; צוּם בֵּיישְׁפִּיל מִילְךְ, קֶעז וְכַדוֹמֶה

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# קלאסיפיידס

ברסלב שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## Private house

Availbile private house to rent for the summer
4 beddroom 2 bath
Call (917) 501-5100

---

איך וויל גיין קיין אומאן צום רבינ'ס ציון מיט מיין זון, גלייך נאך פסח.
איך זוך צו פארן מיט נאך איינעם
רופט אלי ציג
347-587-0056

---

## דירות פאר זומער

הערליכע נייע דירות דירה מיט נייע אפלייענסעס
און קוטשעס, שטייט צו פארדינגען פאר קומענדיגן
זומער סעזאן אויף ירושלים גאס
פאראינטערעסירטע ביטע רופט
845-774-5616 #104

---

## סופר מוכר בודק

רופט נתנאל
פארקאש
845-665-4889

---

## לג בעומר אין מירון?

מיר האבן פאר אייך א גרויסע אויסוואל פון שיינע
דירות אין דרך מהדרין און אין אלע געגנטער אין מירון
רופט ישראל מאיר קרסיאנסקי
718-734-7393

---

## אויף דעם האט איר געווארט

מיר פארקויפן אלע ספרים פון רבי'ן, מוהרא"ש און
דער ראש ישיבה, אין די געגנט פון בארא פארק,
לעיקוואוד והגלילות.
**פאר זייער גוטע פרייזן.**
רופט היינט
646-325-4144

---

א שיינע איין בעדרום דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א
שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט,
נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אוועליבעל צו דינגען פארן זומער.

איך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה - 347-578-4449







דער איד וואס
האט זיך געשלאגן
צו קענען בלייבן אין
סיביר

ישראל דוד העסקעל



# אריינפיר

זיצענדיגט ביי א סיום מסכתא, איז געקומען אלס אורח הכבוד א שליח חב"ד וואס טראגט אונטער זיך גאר א רייכע אינטערעסאנטע געשיכטע ווי אזוי ער האט זיך דערהאלטן און האט געבויעט אידישקייט אין סיביר און דערנאך זיך געדארפט פארמעסטן מיט די קארופטירטע גאווערמענט און ווי אזוי ער האט אלעס אנגעהויבן פון פריש מיט עזות קדושה ווען ס'האט אויסגעקוקט גאר שווארץ אז ס'איז שוין נישט דא קיין וועג, לייענט און האט הנאה.

# מי זה האיש

דער דאטום ליגט ביי יעדן איינעם איינגעקריצט אין די ביינער אבער פאר הרב אשר ליגט דער טאג אין די ביינער פאר גאר א צווייטע סיבה.

סעפטעמבער דעם עלעפטן אין יאר 2001 איז נישט קיין טאג וואס פעלט אויס סיי וועלכע הקדמות, יעדער קען דעם דאטום ווען רוצחים ימ"ש זענען אריינגעפלויגן מיט פליגערס אין די צווילינג טורעמס אין די פאראייניגטע שטאטן.

יעדער ווייסט אוודאי אז דעמאלט האבן זיך פאר א ווײלע אלע עראפלאן רייזעס אפגעשטעלט אין די גאנצע וועלט, יעדער איז געווען אין שאק.

אויף די אנדערע זייט כדור הארץ, אין ארץ ישראל זיצט א אידל מיט זיין אשת חיל אויף אן עראפלאן, ווייסט נישט פון קיין אטאקעס צו זאגן מ'זיצט און מ'ווארט דער עראפלאן זאל זיך שוין הייבן.

הרב אשר, א שנה ראשונה אינגערמאנטשיק איז אויף א מיסיע, א לעבנס מיסיע. א מיסיע פון אוועקגעבן דאס גאנצע זיך, די גאנצע באקוועמליכקייט פון לעבן זיין א פערזענלעכער שליח פון ליובאוויטשער רבי און גיין ראטעווען נשמות ישראל מיט מסירת נפש.

יא! זיין פליגער איז געווען די לעצטע פליגער זיך צו הייבן פון ארץ ישראל איידער די לופטפעלד האט זיך פארמאכט אינעם יענעם פארשווארצטן טאג.

## וואו פארט א איד?

הרב אשר איז געווען א בחור א תלמיד חכם, אויסגענוצט זיינע אינגע יארן על התורה ועל העבודה זייענדיג את חשובע תלמיד חב"ד און יעצט האט ער געשפירט אז ער איז שוין גרייט פאר עפעס גרעסערס.

הרב אשר און זיין ווייב האבן מחליט געווען זיי גייען טון שליחות פארן ליובאוויטשער רבי' אינעם ווייטן קאלטן סיביר!

איר האט גוט געליינט גוט, 'סיביר' דער שרעקליכער פראסטיגער ארט באקאנט ליידער פארן פייניגן אזוי פיל אידישע קינדער דורכאויס די יארן, דארט פארט הרב אשר זיך באזעסן און אנהייבן פון אלף.

דארט אינעם ווייטן טונקעלן ארט זענען ליידער פארהאן גאר אסאך נשמות ישראל, אידן וואס שטאמען פון עלטערן און זיידעס ערליכע אידן וואס האבן געלעבט אונטער די רשעות'דיגע צאר'ישע הערשאפט און דערנאך אונטער די אייזערנע פורהאנג פון קאמוניזם מיט גרויס מסירת נפש אבער מיט די יארן ליידער אן קיין געהעריגע חינוך און אן קיין מוסדות איז די אידישקייט פארגעסן געווארן ה"י.

יעצט איז הרב אשר אויפן וועג צו איינע פון די פלעצער וואו ס'איז פארהאן אסאך אידן און גייט זיך מוסר נפש צו קענען צוריקברענגען פארלוירענע קינדערלעך צו זייערע טאטע אין הימל, צוריק אריינשיינען אין זיי דעם אידישן פונק.

## וואו הייבט מען אן

אין א מזל'דיגע שעה נאך די גאר לאנגע רייזע האבן זיי געלאנדעט אין מאסקאווע די הויפטשטאט פון רוסלאנד.

יעצט האט ער זיך געדארפט גיין טרעפן מיטן סעקרעטאר פון אלע



שלוחי חב"ד אין רוסלאנד און דורכגיין מיט אים פונקטליך אלע פלענער וואס און ווי אזוי ער גייט אויפטון.

די שטאט אין סיביר צו וואו הרב אשר האט געוואנדן זיינע טריט איז א גרויסע שטאט מיטן נאמען אומסק. דארט אין אומסק איז פאראן גאר אסאך גרויסע אויל רעפיינעריס ווי אויך פילע פעטאריס וואס פאבריצירן אלע ערליי כילים און מאשינען מיט די וואס מ'באנוצט זיך אויסצוגראבן אויל פון די טיפע היילן וואס אין רוסלאנד איז דאס פון די גרעסטע אינדוסטריעס.

נאטורליך איז אין אזא גרויסע שטאט מיט גרויסע ביזנעסער פאראן אסאך גבירים און ביזנעלייט וואס מיינט פארשטייט זיך אויך אסאך אידישע קינדער...

דארט אין אומסק איז געווען א צענטראלע שול אבער די שול איז נאך געווען פון די צייטן פון די קאנטאניסטן* איבער צוויי הונדערט יאר אלט. אויך איז די שול געווען געבויט פון האלץ נישט פון שטיין און ס'איז נישט געווען אין דעם בעסטן צושטאנד.

דער לאקאלער גאווערנאר האט פארגעשלאגן פאר הרב אשר אז אפשר זאל מען דאס ערשטע זען צו בויען א שיינע גרויסע שול פאר די מתפללים צו קענען האבן דארט א שיינע גרויסע צענטער.

אבער הרב אשר האט געהאט אנדערע פלענער ער האט געזאגט אז ענדערש וויל ער בויען א קינדערגארטן א מוסד וואו מ'וועט לערנען פונעם אייבערשטן און פון אמונה ווייל נאר אזוי וועט בכלל זיין אן עתיד! אויב וועט מען נאר בויען א שיינע שול וועט נישט זיין ווער זאל אהינקומען אן קיין דור וואס ווערט מחונך מיט א ריינע אמונה.


די שוהל אין אומסק



# דער ראש ישיבה זאגט

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אין ליבערטי אין די גאנצע געגנט פון קרית ברסלב איז פול מיט אלטע פאר'חורבה'טע בתי מדרשים און רוב מענטשן פונעם געגנט זענען אידישע קינדער וואס ליידער איז די גאנצע תורה און אמונה ביי זיי אויסגעריסן.

דאס האט פאסירט ווייל נאך די מלחמה האבן די אידן דעמאלטס געוואלט לעבן אוועק פון די טריפה'נע גויאישע גאס זענען זיי ארויף וואוינען אין ליידיגע קעטסקיל ראיאן און האבן דארט געבויט שולן.

אבער די גאר פאטאלע טעות וואס זיי האבן געמאכט איז געווען אז זיי האבן נישט באלד געמאכט מוסדות פאר די קינדער צו קענען אריינלייגן די ריינע אמונה און תורה אין זיי פון גאר קליין און ליידער צוביסלעך און לויף פון די יארן איז אידישקייט כמעט אינגאנצן ביי זיי פארגעסן געווארן ה"י.

דער ראש ישיבה זאגט די עיקר איז די מוסדות די עיקר איז די קינדער דאס איז אלף דאס איז די ערשטע זאך אויף וואס א איד דארף זיך פארלייגן צו געבן א גוטע ריינע ערליכע חינוך פאר די קינדער.

# א קאלטע שלום עליכם

אזוי ווי הרב אשר איז אנגעקומען אין שטאט אומסק אנצונעמען צו זיין דארט דער רב און שליח חב"ד האט ער זיך געוואונדן צו אלע שטאטישע באאמטע און זיך באקאנט געמאכט פאר זיי אז ער איז דער נייער רב דא אין שטאט און ער וויל זיך מיט יעדן באגריסן און זיין ציל איז צו ברענגען שלום און אחדות פאר די אידישע געמיינדע און אז פאר אלעס אנבאלאנגט די אידישע געמיינדע קען מען זיך צו אים ווענדן.

איינע פון די פירער פון שטאט איז דער מעיאר פארשטייט זיך, ביים זיך באגעגענען מיטן מעיאר האט דער מעיאר אים געשטעלט עטליכע פראגן וואס זענען זיינע פלענער וואס פלאנט ער צו טון וכו'.

הרב אשר האט געזאגט פארן מעיאר גלייך אז זיין הויפט פריאריטעט יעצט איז אוועקשטעלן א אידישע מוסד אנגעהויבן פון א קינדערגארטן וואו די קינדער וועלן נתחנך ווערן לה' ולתורתו.

פארן מעיאר האט דאס זייער נישט געשמעקט ער איז געווען א שטארקער קאמוניסט בשיטה און געגלייבט אז אלע דארפן לעבן אינאיינעם, יעדער מוז גיין נאר צו די פובליק שולע עס זאל נישט זיין אזא זאך ווי א פריוואטע מוסד.

ער האט גראד קלאר געשטעלט פארן חב"ד שליח אז ביי אים אין שטאט וועט אזאנס נישט פאסירן, דא וועט איר קיין מוסד נישט עפענען זאל זיין וואס זיין!

הרב אשר האט זיך בכלל נישט פארלוירן פארן מעיאר ער האט אים שיין באגריסט און זיך גראד געוואנדן צום אייבערשטן "הייליגער באשעפער נישט פאר מיין כבוד בין איך דא און אויך נישט פאר קיין געלט, איך בין דא אויף שליחות פון מיין רבי' ווייל איך וויל צוריק ברענגען פארלוירענע אידן צו דיר הייליגער באשעפער, טאטע מאך עפעס א נס זאל פאסירן".

אזוי האט זיך הרב אשר געשטארקט מיט זיין אמונה און אנגעהויבן טון אויף למעשה וויפיל ער האט געקענט צו גיין מקרב זיין אידן און אנהייבן אויפבויען א קהילה.



# סיביר

דער איד וואס
האט זיך געשלאגן
צו קענען בלייבן אין

## נאר מיט גוטן קען מען פועל'ן

אנגעהויבן האט הרב אשר קודם זיך צו באקענען מיט די ארטיגע אידן וואס ווייסן און געדענקען נאך יא פון אידישקייט און מיט זיי האט ער אנגעהויבן אוועקצושטעלן א קהילה.

צוביסלעך האט מען אנגעהויבן אנפילן דעם ביהמ"ד הרב אשר האט פארגעלערנט א טעגליכע שיעור און געפראוועט דריי תפילות טעגליך.

פון זיין הויפט ציל אבער פון אוועקשטעלן א מוסד וואס זאל מחנך זיין א דור לה' ולתורתו האט ער נישט פארגעסן און כסדר גע'שתדל'ט אז מ'זאל אים לאזן עפענען כאטש א קינדערגארטן.

ביי יעדע יומא דפגרא פלעגט הרב אשר ברענגען גוטע זאכן פאר אלע שטאטישע באאמטע ווי למשל ערב ראש השנה אביסל עפל מיט האניג, און האניג קיכן אדער פאר חנוכה אביסל פאנקעס מיט לאטקעס און אלס פלעגט הרב אשר מיט זיין איידעלע מינע איבערלאזן א גוטווארט וואס האט ביי שטארק עושה רושם געווען זיין איידלקייט קיינמאל האט ער זיך נישט געטענהט מיט זיי אדער געשלאגן, נאר געמאכט זיין השתדלות געבעטן שיין און זיך פארלאזט אויפן באשעפער און געלאזט דעם אייבערשטן פירן.

## דער אייבערשטער באגלייט

אזוי איז אריבער א תקופה אן קיין גרויסע שינוים, יא עס איז נתרבה



הרב אשר ביים ליובאוויטשער רבי'ן, כסליו תנש"א



# דער ראש ישיבה זאגט

ביים מייסד זיין די שטעטל קרית ברסלב ליבערטי האט דער ראש ישיבה געגעבן הדרכה ווי אזוי זיך צו באגיין זיי מיט די שטאטישע איינוואוינער און אויך מיט די ארטיגע רעגירונג.

קיינמאל זאל מען זיך נישט שלאגן מיט זיי אדער באשולדיגן אפילו מ'זעהט קלאר אז ס'איז ממש אנטיסעמיטיזם ער וויל דיר דווקא בא'עוול'ן זאל מען נאר גיין מיט דרכי נועם און זיך פארלאזן אויפן באשעפער.

קיין גוטס גייט סיי ווי נישט ארויסקומען אויב וועט מען טענה'ן און באשולדיגן פונקט פארקערט דאס וועט אויפפלאמען די פייער נאך גרעסער ער וועט דיר נאר מער פיינט האבן.

וואס היינט קענסטו ביי אים נישט פועלן וועסטו מארגן יא קענען פועלן. וועסטו האבן סבלנות און זיך נישט שלאגן מיטן גוי צום סוף וועט ער וועט זעהן ווי שיין דו פירסט זיך אויף וועט זיין בעל כרחך יענע אמן אזוי ווי מיר זעען טאקע כסדר מיט די אנטוויקלונג פונעם שטעטל.

געווארן ספסלי הבית המדרש עס זענען צוגעקומען עטליכע משפחות וואס זענען מיט די צייט צוריק נתקרב געווארן צו אידישקייט אבער הרב אשרס ציל איז געווען אסאך ווייטער.

דערווייל האט זיך גארנישט גערוקט מיטן עפענען א מוסד און חוץ פון דעם קאלטן קאמוניסטישער מעיאר וואס האט קלאר געמאכט אז ביי אים אין שטאט וועט אזאנס קיינמאל נישט פאסירן האט הרב אשר נישט געהאט קיין שום אנדערע נייעס אדער וועג.

ער פלעגט אלץ שיקן שילוחים און אליינס גיין צום אוהל אדמו"ר"י חב"ד אין קווינס ווען ער האט געקענט מזכיר זיין זיין פעקל אז ער געפונט זיך דא און א וויסטע פלאץ פון אידישקייט און די הענט זענען אים געבינדן מ'לאזט אים נישט עפענען קיין מוסד בשום אופן.

פארזיכערט אינעם אייבערשטן און מיט א שטארקע אמונת צדיקים אין די שליחות פון ליובאוויטשער רבי האט ער געוואוסט אז צום סוף וועט ער אויספירן.

איין טאג איז דאס געווען אין חודש אלול ווען הרב אשר איז אריבערגעגאנגען צום גאווערנארס אפיס ברענגען אביסל עפל מיט האניג און קיכן פארן מעיאר און אים וואונטשן א גוט יאר אנצוהאלטן די גוטע באציאונגען האט הרב אשר נאכאמאל פרובירט זיין מזל און געבעטן אפשר דאך קען איך ערלויבט ווערן צו עפענען א מוסד, א קינדערגארטן פאר די אידישע קינדערלעך לערנען און זיי מחנך זיין צום אייבערשטן?

"איר ווייסט וואס" זאגט דער מעיאר אין א גוטע שטימונג - "יא! יא, איך וועל אייך ערלויבן צו עפענען א מוסד! "






# דער ראש ישיבה זאגט

דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז איינע פון די דריי זאכן וואס חז"ל זאגן איז פארהוילן פונעם מענטש איז מ'ווייסט נישט וואס יענער טראכט.

אזוי גייט עס אמאל קוקט אויס ווי א מענטש איז אזוי ווייט מ'געבט שוין אויף אויף אים נאכן פארן רעדן מיט אים בכלל אבער דו קענסט נישט וויסן ווי שטארק ער לעכצט נאך א שטופ צום אייבערשטן ער וויל אזוי שטארק זיין ערליך און גוט און וואויל.

דאס איז די זאך פון הפצה זיגל נישט אפ יענעם נע ער קוקט אויס אזוי ווייט ער וועט זיכער נישט זיין אינטערעסירט ער קוקט דאך אויס אזוי מעכטיג און אזוי ווייט אבער טיף טיף וויל יעדער זיין גוט יעדער אידיש קינד איז א חלק אלוקי ממעל וואס בענקט צו טוהן רצון השם און דו דורך גיין הפצה קענסטו צוריק ברענגען און בויען א וועלט!

ביים עק שטאט געפינט זיך עפעס אן אלטער כאטקע דעם פלאץ קענסטו האבן צו עפענען א קינדערגארטן!

ער האט זיך געציפט אויב ער חלומ'ט, זה היום עשה ה' אויף דעם ווארט ער דאך שוין אזוי לאנג און דא אזוי פלוצלינג האט ער עס באקומען.

## די מוסד איז א מציאות

פארשטייט זיך אז הרב אשר האט זיך נישט פארזוימט נאר גראד געטון צו דער זאך אויפגענומען מלמדים און געעפנט דעם קינדערגארטן.

יעצט אז די קינדערגארטן איז שוין געווען אפן איז געקומען דעם נעקסטן שטאפל: א געהעריגע מוסד פאר אלע יארגענג אוועקגעשטעלט אז די אידישע פונק זאל מער קיינמאל נישט פארלאשן ווערן.

דאס האט הרב אשר געוואוסט וועט נישט געשען אזוי שנעל... קודם מוז דער קינדערגארטן זיך געהעריג אנטוויקלען און פארן געשמירט מיט די איינגעשטעלטע און געהאלטן אויף דארף עס זיך מער אויפבויען מיט די צאל קינדער בעפאר ער וועט קענען גיין צום נעקסטן שטאפל.

## קער א וועלט

דערווייל אבער איז הרב אשר נישט געזעסן מיט פארלייגטע הענט נאר אנגעהויבן אויפבויען די קהילה ווי עס ברויך צו זיין, מאכן חופה'ס קידושין אזוי אויך בריתן און אלע אנלעגנהייטן.

הרב אשר פארציילט אז ער האט פארמאגט א קשר מיט א גרויסער אידישער פילאנטראפ פון יענע געגנט וואס יענער פלעגט געבן זייער שיינע סכומים פאר הרב אשר פאר די קהילה און אלע פעולות אבער ער פאר זיך איז ער געווען זייער אפגעפרעמדעט פון אידישקייט ער נישט געוואוסט צו פיל צו זאגן פון אידישקייט.

ער אליין פלעגט כמעט נישט קומען אין שול נאר אויף אזעלכע צייטן ווי נעילה יום הקדוש און ווען ס'פלעגט אים כאפן אן התעוררות.

איינמאל האט ער געכאפט א לאנגע שמועס מיט הרב אשר און הרב אשר האט יא באוויזן אנצוצינדן אין אים עפעס א פונק. אז ער האט געזען ווי דער איד ווערט מער ווארעם פאר אים האט ער אים פארגעשלאגן אפשר קומט איר צום שיעור היינט ביינאכט, מ'לערנט פאר אויף רוסיש ס'איז זייער לייכט ווי אויך רעדט מען דיבורי התחזקות אפשר



קומט איר?

דער איד האט טאקע איינגעוויליגט צו קומען אזוי האבן מיר געבויט א שטיקל קשר און צוביסלעך פלעגט ער קומט מער אפט ביז איינמאל קומט קלאפן ביי מיר אין אפיס אז האט האט עפעס גאר וויכטיג אדורך צו רעדן מיט מיר.

גערן! איך זעץ אים אוועק און איך פרעג אים וואס ליגט אים אויפן הארצן מיט וואס קען איך אים העלפן?

און געבט ער א ווארף א באמבע אזש איך האב געמיינט איך פאל אראפ פון בענקל - ער זאגט מיר אז ער וויל זיך לאזן מל'ען ער וויל האבן א ברית מילה!

ליידער האט ער בכלל נישט באקומען קיין אידישע חינוך אויך זיינע עלטערן זענען שוין געווען אפגעפרעמדט פון אידישקייט ה"י און ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין ברית!

די אמת איז ס'איז נישט אזא אומגעווענליכע ערשיינונג אין רוסלאנד אין די ווייטע פארשטופטע ערטער צו מאכן א ברית מילה פאר ערוואקסענע אבער געווענליך האנדלט זיך עס פון בחורים אינגערע מענטשן אדער מענטשן וואס זענען פון די מער ארעמע שיכטעס וואס זענען אסאך נהנה פון די קהילה קען מען זיי איבער רעדן זיך צו לאזן מאלען אבער אז אן עלטערע פילאנטראפ זאל זיך לאזן מאלען דאס איז שוין אומדערהערט.

איך האב טאקע גלייך באשטעלט א פראפעסיאנעלע מוהל וואס ספעציעלירט זיך פאר ערוואקסענע און מיר האבן געסקעדשולט א ברית. ביים ברית פרעגט דער מוהל פארן רך הנימול פארוואס האט איר זיך נישט גע'מל'עט ביז היינט? האט ער געענטפערט ווייל דער רב האט עס מיר נישט מוציע געווען!

דא האט הרב אשר געכאפט א ציפ יא יא גערעכט איז ער איך וואלט אים געדארפט איבער רעדן צו מאכן א ברית אפילו ביי מיר אין קאפ טראכט איך אז ער וועט נישט וועלן...

נאך א פראיעקט וואס מיר האבן זיך דעמאלט אריינגעלייגט איז געווען א מקוה טהרה וואס פון אנהייב ווען מיר האבן געוואוינט אין סיביר איז די נענטסטער מקוה געווען א דריי שעה פלייט צו א שטאט וואס איז דריי שעה געריקט פון אונזערע אבער שפעטער האט מען שוין געבויט א מקוה אביסל נענטער אין א שטאט וואס איז געווען זיבן שעה צו פארן.

פארשטייט זיך אז חוץ פון די גרויסע אפקומעניש דארף דאך יעדער שטאט האבן א אייגענע מקוה און דאס איז טאקע געווען איינע פון די הויפט אונטערנעמונגען פון הרב אשר וועקצושטעלן א מקוה טהרה פאר די שטאט ס'זאל זיין שיין פראמינענט און גוט אהערגעשטעלט.

ער האט שווער געארבעט צו שאפן די נויטיגע סכומים פארן מקוה וואס האט געענדיגט למעשה אפקאסטן דריי הונדערט טויזנט דאלאר! עסקנים פון מקוה רמ"א זענען געקומען בודק זיין די



מקוה און געמאכט זיכער אז אלעס איז געבויט כדת וכדין ווי אויך האט מקוה רמ"א ביישטייערט גאר א גרויסע סכום פאר די מקוה אז די אידן אין אומסק זאלן האבן א כשרע מקוה.

## די מוסד בליעט

במשך די צייט האט זיך די קינדערגארטן גאר שיין אוועקגעשטעלט און הרב אשר האט אנגעהויבן זעהן די פירות פון זיין שווערע עבודה ווען כסדר זענען נאך און נאך משפחות צוגעקומען צו די קהילה און אנגעהויבן לעבן א לעבן פון תורה און מצות.

שטייענדיג ביי דעם שטאפל האט הרב אשר געשפירט אז עס איז שוין צייט צו עפענען א מוסד אין שטאט פאר אלע יארגענג. די קהילה האלט אין איין וואקסן און מ'מוז האבן א מקום וואו צו קענען מחנך זיין קינדער על דרך התורה ווייל אויב חלילה נישט איז דא א געפאר אז די אינגע דור וועט חלילה פארגעסן פון זייערע אידישע ווארצלען.

ביי דעם קומענדיגן יומא דפגרא האט הרב אשר צוגעגרייט א שיינעם פעקל פארן גאווערנאר פון שטאט און ער האט געטראכט אז ער וועט אים גיין בעטן מיט רחמים ותחנונים אז ער זאל אים ערלויבן צו עפענען א געהעריגע גרויסע מוסד אין שטאט פאר אלע אידישע קינדער.

עס מוז דערמאנט ווערן אז הרב אשר האט יעדן טאג געלעבט דארט מיט מסירת נפש ממש אן צו וויסן פון וואו ער וועט קענען דעקן די אומגעהויערע קאסטן פון טראגן די גאנצע קהילה אויף זיינע פלייצעס שוין אפגערעדט האט ער נישט געהאט קיין מושג פון וואו ער וועט נעמען דאס געלט צו קענען




די מקוה אין אומסק




אויפבויען א גאנצע מוסד פאר די שטאט.

ער האט אבער געוואוסט אז ער דינט נישט זיינע אינטערעסן ער איז אויף שליחות פונעם ליובאוויטשער רבי' צוריק צו קערן פארווארפענע נשמות צום באשעפער און ער האט געוואוסט אז דער אייבערשטער וועט זיכער העלפן! און אזוי נאר דורך זיך כסדר מחזק זיין מיט אמונה האט ער באוויזן דאס אוממעגלעכע און אויפגעשטעלט אזוי פיל פאר די ארטיגע אידן.

## א דמיון אדער א נס?

אזוי שפאנט ער אויפן וועג צום גאווערנארס אפיס מיט עטליכע געשאנקען און אפאר ווארימע תפילות אייבערשטן אז עס זיך עפענען פאר אים א טיר ער זאל קענען ווייטער אנגיין מיט זיינע פעולות.

ער זיצט שוין איןווארט צימער ביים גאווערנאר ער שעפּשעט עטליכע הייסע תפילות און ערווארט ביז מ'וועט אים רופן אריינצוגיין צום גאווערנאר.

ענדליך איז זיין רייע ער קומט אריין צום גאווערנאר און גראד זעהט ער שוין אז דער גאווערנאר איז גוט אויפגעלייגט אין א גוטע שטימונג ער באגריסט זיך שיין און איז מכבד דעם גאווערנאר מיט זיינע געשאנקען.

דער גאווערנאר זעצט אים אוועק און גיסט אים אן א גלעזל משקה נוסח רוסלאנד און פרעגט פון הרב אשר וואס קען איך אייך היינט העלפן?

הרב אשר זיצט דארט אומבאקוועם ווייסט נישט ווי אזוי ארויס צו זאגן דאס נעקסטע ווארט פון מויל ער בעט ביים אייבערשטן זאל אים אריינלייגן די ריכטיגע ווערטער אין מויל ס'זאל קענען ארויסקומען א קידוש השם אז זיין לאנג ערווארטערטע חלום פון קענען עפענען מוסדות וואו מ'וועט ארײנלייגן די ריינע אמונה אין די אינגע דור זאל שוין קענען פארווירקליכט ווערן.

ער הייבט אן זאגן פארן גאווערנאר קודם וויל ער זיך באדאנקען פון טיפן הארצן אויף דעם וואס דער גאווערנאר האט אים געלאזט עפענען א קינדערגארטן און מ'זעט טאקע די פירות די פלאץ בליעט און איז אזוי שיין מצליח און די גאנצע אידישע קהילה איז אזוי דאנקבאר פארן געערטן גאווערנאר פארן העלפן און שטיין צו די האנט מיט אלע קהילה איינגעלעגנהייטן ובפרט מיט די מוסד.

יעצט אבער שטייען מיר שוין ביים נעקסטן שטאפל ס'איז שוין געקומען די צייט אז די אידישע קהילה זאל פארמאגן אן אייגענעם מוסד פאר אלע יארגענג און מיר ווילן בעטן ביין געערטן גאווערנאר זאל אונז זאלן וואוקסשטעלן א מוסד.

דער גאווערנאר טראכט א מינוט און רופט זיך אן הערט אויס אזוי ווי דו ווייסט יעצט איז די לאקעלע סיבירישע האַקי טיעם פון רוסלאנד צום ערשטן מאל אויפן וועג צו קענען געוואונען און ווערן די וועלט האַקי טשעמפיאן.

שלאג איך דיך פאר אזא געשעפט קומענדיגע וואך קומט פאר די לעצטע שפיל און די געוואונער פון יענעם שפיל וועט געקרוינט ווערן טשעמפיאן וויל איך אז די גאנצע אידישע געמיינדע זאל מתפלל זיין אז מיר זאלן געוואונען און אויב וועלן מיר געוואונען וועל איך נישט נאר געבן רשות צו עפענען א מוסד נאר איך וועל עס אליינס בויען מיט מיין געלט!

הרב אשר זאגט איך וועל ענק



פארציילן דעם אמת איך בין נישט ארויס פון דארט אנטוזיאסטיש אז די ישועה איז שוין דא אויב עפעס פארקערט איך האב זיך געשפירט אביסל צובראכן פון דעם און געטראכט צו זיך דעמאלט דער רוסישער שיכור דער פארשאלטענע קאמוניסט דער ליגנער און גוי טמא וועט מיך בויען א מוסד?! ווי קען דאס זיין?

איך האב געטראכט דעמאלט הלוואי זאל ער מיר נאר געבן רשות און איך וועל שוין פראבירן צו שאפן די געלט און בויען א נעכטיגע חלום וועט דער רוס מיך בויען אך סתם דמיונות.

## געוואונען!

די שטייגער ביי די שלוחי חב"ד איז געווענליך אז ווען מ'האלט פארן טון גרויסע שריט ווי בויען א בנין אד"ג מעלדט מען דאס איין פאר די סעקרעטאר פון די שלוחים.

הרב אשר זאגט איך בין געווען אזוי זיכער ביי זיך אז דאס איז סתם דמיונות נאך א צוזאג פונעם שיכור... אז איך האב אפילו נישט מודיע געווען פארן סעקרעטאר פונעם גאנצע מעשה.

יענער נאכט האב איך פארציילט פאר מיין ווייב וואס דער גאווערנאר האט 'צוגעזאגט' און מיר האבן ביידע גוט גוט געלאכט יא יא העמיר זען... דער גאווערנאר האט נישט בעסער וואס צו טון נאר שענקען אומזיסט א בנין פאר א אידישע חרדישע מוסד...

די וואך איז אריבער הרב אשר האט שוין כמעט פארגעסן פונעם גאנצן עפיזאד ביז איין טאג גייט ער ארויס פון שטוב און זעט ס'טוט זיך הולירייען און שיכורים פון אלע זייטן יעדער טאנצט די עולם איז גוטמוטיג און פריילין מ'שרייט און הוליעט ס'נעמט אים א מינוט זיך צו אריענטירן זיינע געדאנקען ביז ער פרעגט איינעם וואס איז די גרויסע שמחה וואס האט יעדן אזוי אריינגעצויגן?

וואס הייסט איר האט נישט געהערט? מיר האבן געוואונען מיר האבן געוואונען די גאנצע וועלט גייט אונז יעצט אפגעבן כבוד אונזערע טיעם איז די בעסטע און די שטערקסטע אונזערע לאנד איז די מעכטיגסטע און בעסטע שרייט ער ציושט און כאפט שנעל נאך א שלינג וואדקע.

פאר הרב אשר האט די גאנצע מעשה אים נישט צופיל אינטערעסירט ער גייט זיך זיין וועג ווייטער עוסק אין די מלכת הקודש אויף זיין רבינ'ס שליחות פון מזכה זיין אידישע קינדער מיט מצות און זיי צוריק ברענגען צו זייערע שורש אבער ס'קלינגט אים גוט אין די ווערטער פון דער גאווערנאר 'אויב וועלן מיר געוואונען דעם וועלטלעכן שפיל דאן געב איך פון מיין טאש ארוס א גאנצע בנין פאר די אידישע מוסד' יא יא טראכט הרב אשר צו זיך ביז ס'קומט אויף למעשה לאמיר זעהן אויב וועט



# דער ראש ישיבה זאגט

האַקי איז א גרויסע פאפולערע גוישע ספארט וואס איז ענליך צו סאקער אבער מ'שפילט די ספארט אויף אייז די ספורט איז זייער פאפולער און די קעלטערע לענדער ווי קאנאדע און רוסלאנד וואס נאטירליך איז דארט דא אסאך אייז.

ביי די גוים איז ספארטס דאס וואס האלט זיי ביים זינען א גוי האט נישט קיין אמונה און נישט קיין תורה און קיינע דורות אויפצוציען לשם ולתורתו זיין גאנצע לעבן געבט ער אוועק פארן נערישע ספארט צו קוקן און זעהן וואס דער באלי גייט פון רעכטס צו לינקס וחוזר חלילה.

ביים עפענען קרית ברסלב האט דער ראש ישיבה געשריבן אין א בריוו מיר האבן געעפנט א דשים אין שטעטל די דשים געפונט זיך אויפן האשקי גאס און דארט מאכט מען עקסערסייז פאר די נשמה פאר תכלית יעדער זאל יעדן טאג אויפשטיין און גיין די ערשטע זאך מאכן גוטע עקסערסייז פאר די נשמה דאווענען דריי תפילות מיט מנין און אריינכאפן פרקים משניות און בלעטער גמרא דאס איז די דשים פון שטעטל.

אנו עמלים והם עמלים אנו עמלים ומקבלים שכר והם עמלים ואינם מקבלים שכר. דער גוי מוטשעט זיך און פלאגט זיך און לייגט זיך אריין כל כולו אינעם נערישן ספארט און די איד מוטשעט זיך אויף א בלעטעלע גמרא! אשרי מי שעמלו בתורה!

יעצט עפעס טאקע פאסירן מע א מכה איך קען גוט דער רוסישע שקרים און חניפה אלס איז לפנים ביז ס'קומט למעשה...

## דער טעלעפאן קלינגט

אזוי איז אריבער עטליכע טעג הרב אשר האט שוין אינגאנצן פארגעסן ער טוט ווייטער זיינע פעולות און באשעפטיגונגען למען אחינו בני ישראל ער הערט נישט אויף בעטן דעם אייבערשטן זאל אים שוין מאכן עפעס א נס ער זאל קענען אנקומען צו זיין חלום פון אוועקשטעלן דעם מוסד.

איין טאג קלינגט אים די טעלעפאן ער הייבט אויף דעם טרייבל העללא ווער רעדט?

יא דא קלינגט מען פון די גאווערנארס אפיס דער גאווערנאר רופט אייך איר זאלט שוין קומען!

הרב אשר האט נישט געוואוסט וואס צו טראכטן גייט עס באמת פאסירן גייט ער מיך טאקע געבן א בנין? מעה טראכט ער ווי קען דען זיין אזא זאך? מסתמא רופט ער וועגן עפעס אנדערש...

הרב אשר קומט אן צום גרויסן בנין פונעם גאווערנארס אפיס ער מאכט זיין וועג צום ווארט זאל דער סעקרעטאר ווייזט אים ער זאל זיך אנידערזעצן און מ'וועט אים באלד רופן.

הרב אשר זיצט אין ווארט זאל און קוקט זיך ארום ווער נאך ס'איז דארט ער זעהט דעם גאנצן צימער איז פיל מיט אלע לאקאלע פאליטיקאנטן און מיניסטארן איינער געבט אים א פרעג וואס זיכטסו דא? הרב אשר ענטפערט אים איידל איך ווייס נישט איך האב באקומען א טעלעפאן קאלל אז איך זאל אהערקומען...

די טיר פונעם אפיס עפענט זיך דער סעקרעטאר ווייזט פאר די גאנצע עולם



די שטאט אומסק

אריינצוגיין אלע זעצן זיך מיט דרך ארץ ארום ביים טיש און דער גאווערנאר נעמט דאס ווארט:

דא אין אונזערע שטאט געפונען זיך א גרויסע צאל אידישע איינוואוינער זייט דער רב איז אהערגעקומען האט ער גאר שטארק אויפגעטאן פאר זייערע וואויל זיין ער האט קיינמאל ביי אונז נישט צו פיל געבעטן נאר מיט גרויס איידלקייט געטון זיין אמט און געהאלפן און געשטאנען צו די האנט פון די גאנצע אידישע קהילה.

ער וויל עפענען א מוסד פאר די אידישע קינדער דא אין שטאט און איך מיין אז אזא זאך קומט אז די שטאט זאל באצאלן פאר דעם!!!

אויפן ארט האבן אלע מיניסטארן וואס זענען געזעסן אנגעהויבן שרייען פארן גאווערנאר בשום אופן מ'קען אזאנס נישט טון ס'איז נישט דא קיין געלט פאר דעם און פארוואס קענען נישט די אידן לערנען אין די שטאטישע שולעס היל"ת?

דער גאווערנאר האט געגעבן א קלאפ אין טיש און הייבט אן שרייען אויף זיי שעמט ענק! איך ווייסט גאנץ גוט אז ווען דא וואלט זיך גערעדט פון להבדיל די מוסלימענער אדער פון סיי וועלכע אנדערע רעליגיעס להבדיל וואלטן ענק נישט געהאט קיין שום פראבלעם נאר ווייל דער אידישע רב קומט בעטן שיין אן קיין געוואלטאטן און פירט זיך איידל פארדעם זאלן די אידן נישט קריגן א פלאץ צו קענען שיקן זייער קינדער און זיי לערנען פון אידישקייט?? דאס איז נישט קיין פראגע איך בין אייך מודיע אז אזוי וועט זיין די שטאט וועט געבן פאר די אידישע קהילה א בנין צו קענען ערציען זייערע קינדער אויף זייערע שטייגער.

הרב אשר זיצט דארט שאקירט ער גלייבט נישט וואס זיינע אויערן הערן ער קען זיך נישט גענוג באדאנקען פארן גאווערנאר דער גאווערנאר זאגט איס דא האסטו די נומער פון מיין סעקרעטאר וואס דו דארפסט קענסטו אייביג קלינגען.

אויפן וועג אהיים הייבט הרב אשר ווייטער אן טראכטן מעה ער וויל זיך סתם געפעלן לאמיר זעהן ווען עס קומט למעשה לאמיר זעהן אויב ער גייט טאקע האלטן ווארט.

## א מוסד א מציאות

אפאר וואכן זענען אריבער און דער גאווערנארס אפיס רופט איס אריין ער ענטפערט דעם טעלעפאן העללא? יא דא רעדט מען פונעם גאווערנארס אפיס דער גאווערנאר וויל דו זאלסט אריבער קומען.

גראד גייט ער אהין צום גאווערנארס אפיס אזוי ווי ער קומט נאר אן אהין זאגט איס דער גאווערנאר קום מ'גייט טרעפן א פאסיגע פלאץ פאר דיין מוסד!

הרב אשר האט עס נישט געקענט גלייבן יא די זאך איז ערנסט דער גאווערנאר האלט דערביי ער מיינט עס אמת'דיג! ער זעצט זיך אריין אינעם קאר און זיי הייבן אן ארומפארן דער שטאט זוכן א פאסיגע ארט.

נאכן דורכגיין עטליכע פלעצער האט הרב אשר אנגעוויזן אויף א גרויסע לאַט אינמיטן שטאט אז דאס ארט קוקט איס אויס זייער פאסיג פארן בנין! ס'איז דיינס זאגט איס דער גאווערנאר איך וועל זען אז די שטח זאל אנקומען צו דיינע הענט.

און אזוי איז געווען הרב אשר האט באקומען דעם שטח און תיקף האט מען אנגעהויבן די בוי ארבייט. די פלאן איז געווען לכתחילה צו בויען א בנין פון 2000 סק' מעטער און יא, דער גאווערנאר האט אלעס אויסגעצאלט פון זיין טאש.

## אז מ'טייטלט שוין נעמט מען...

די בוי ארבעט האט זיך אנגעהויבן רוקן שנעל אלעס איז געפארן לויטן פלאן ביז איין טאג זענען עטליכע אינספעקטערס אנגעקומען און נאכן דורכגיין אלע רעגולאציעס איז אויסגעקומען אז גאר אסאך פלאץ וועט פארלוירן גיין.

הרב אשר האט זיך געזעצט מיט ארכיטעקט נאכאמאל איבערגיין אלע פלענער ווי אזוי מ'וועט קענען פארברייטערן דעם בנין און נאכן דורכגיין די פלענער איז אויסגעקומען אז די בנין האט זיך געדאפלט פון 2000 סק' מעטער צו 4000 סק' מעטער! און פארשטייט זיך אז אויב די פלענער דאפלען זיך, דאפלען זיך אויך די הוצאות.

הרב אשר האט נישט געוואוסט וואס צו טון דא. וואס וועט ער זאגן פארן גאווערנאר? אבער הרב אשר האט זיך געשטארקט מיט זיין אמונה און געוואוסט אלעס ביז אהער האט דער אייבערשטער געפירט און ווייטער וועט אויך דער אייבערשטער פירן אלעס איז דער אייבערשטער און ס'וועט זיין גוט.

מיט ציטערדיגע פוסטריט ווענדט ער זיך צום גאווערנארס אפיס מיט די בלו

פרינט אין האנט צו ווייזן פארוואס עס פעלט זיך טאקע אויס דעם פארברייטערונג.

ער קומט אן אין גאווערנארס אפיס ער שטייט שוין אינעווייניג ער זוכט עפעס א לאך ווי ער זאל זיך קענען פארשטעקן פאר בושות ער כאפט זיך אן אינעם טיש און קוים מורמעלט ער ארויס די ווערטער אז מ'דארף נאך געלט און ער ווייזט אלע פלענער.

דער גאווערנאר זאגט אים אז ער פארשטייט, און ס'נישט קיין שום פראבלעם! וויפל עס פעלט אויס געבט ער! הרב אשר האט געמיינט אז ער פאלט אראפ, אויף דעם האט ער זיך שוין נישט געראכטן ער האט זיך גארנישט געדארפט איינבעטן נאר ער האט עס אזוי באקומען אויף א גאלדענע טאץ גראד פונעם באשעפער.

## חנוכת הבית

עטליכע לאנגע חדשים זענען אריבער און דער בנין איז געווארן פון א דמיון צו א מציאות ס'שטייט שוין! מ'ענדיגט צו אלע לעצטע פיטשעווקעס און הרב אשר גרייט זיך אויפן גראנדיעזן חנוכת הבית.

פארשטייט זיך אז דער גאווערנאר האט באקומען א שיינעם איינלאדונג ער איז דאך געווען דער נדבן. בשעתן מעמד טראכט הרב אשר אז איין זאך פעלט אים נאך - אזוי ווי ס'איז געווען א ריזן בנין מיט גאר אסאך טירן האט זיך פארלאנגט גאר אסאך מזוזות וואס איז אויסגעקומען צו די אסטראנאמישע סומע פון זיבעציג טויזנט דאלאר!

ער טראכט צו זיך יעצט האב איך שוין נישט וואס צו פארלירן אפשר וועט דער גאווערנאר אויך דאס שענקען... ער פארציילט פארן גאווערנאר וועגן מזוזות אז דאס היט אונז אפ און מיר הענגען דאס אויף יעדן טיר און אזוי ווי מיר האבן דא אסאך טירן איז נאך געבליבן דאס איינע הוצאה פון זיבעציג אלפים!

דער גאווערנאר הייבט אן לאכן און זאגט פאר הרב אשר ביז אהער מיין



די נייע בנין פון הרב אשר'ס מוסד אין אומסק

# סיביר

דער איד וואס האט זיך געשלאגן צו קענען בלייבן אין

פריינט דאס איז שוין אויף דיינע פלייצעס איך האב דיר צוגעזאגט א בנין און דאס האב איך דיר געשענקט מזוזות האט שוין נישט מיט מיר.

## ארויס פון דא

ביקש הרב אשר לישב בשלווה אבער צו לאנג האט ער נישט געקענט. ס'האט אים אויסגעקוקט ווי אלע פארט שוין כסדרן ער קען שוין אט אט שניידן די פרוכט פון זיין שווערע הארעוואניע די מוסד האט אנגעהויבן בליען די קהילה האט אנגעהויבן צו וואקסן גאר גוטע באציאונגען האט ער פארמאגט מיט די הויכע פענסטער אלעס איז געפארן על מי מנוחות ביז...

אין גרינעם דינסטאג באקומט ער א בריוו אז ער האט דרייסיג טעג צו פארלאזן רוסלאנד!!! אן קיין פארוואס אן קיין פארוועגן ס'איז געווען אין חודש אלול דא דארף ער זיך גרייטן אויף די ימים טובים און ווייסט ער נישט וואו זיך צו ווענדן בכלל.

זיין גרעסטע צרה איז געווען אז אזוי ווי דאס איז רוסלאנד און מענטשן ציטערן ארויסצורעדן אן איבריגע ווארט פון מויל... ווען מענטשן האבן זיך דערוויסט פון זיין פרשה האבן זיי גראד אויפגעהערט רעדן מיט אים יעדער האט געציטערט.

## מעט אור

איינער איז געווען דארט פון די קהילה וואס האט אים געזאגט אז ער קען א גוטער לויער אויף די ענינים הגם אויבן אויף זעט נישט אויס ווי ס'איז דא א מעגליכקייט בכלל צו קענען געווינען אזא שווערע געריכט אבער אויב איז דא איינער איז דאס ער.

הרב אשר האט זיך גראד פארבונדן מיט יענעם לויער וואס האט אים געזאגט אז דאס ערשטע מוז ער נעמען די רעגירונג אין געריכט אפילו אויבן אויף איז נישט דא קיין שאנסן פון קענען געווינען רוסלאנד אין א רוסישער געריכט... דאך אבער ווי לאנג ס'איז אין געריכט קען מען ציען די צייט כאטשיק...

אזוי האבן זיי טאקע געטון זיי האבן גערופן די רעגירונג אין געריכט אריין פארהאלטן פארוואס מ'ווארפט אים ארויס.

דערווייל האט הרב אשר גראד געשיקט א קוויטל צום אוהל אדמו"ר חב"ד מזכיר זיין זיין פעקל וואס ער איז דא אריינגעפאלן מיט די רוסישע רעגירונג און ער איז זיך געגאנגען גרייטן אויפן געריכט.

די געריכט האט זיך אנגעהויבן אין די וואך פאר ראש השנה און די טענה וואס די רוסישע רעגירונג האט געהאט איז געווען אז די קאר וואס איז געווען רעגיסטרירט אויף זיין ווייבס נאמען האט פארמאגט עטליכע טרעפיק פארלעצונגען וואס לויט די רוסישע געזעצן איז דאס גענוג ארויסצוווארפן איינער מיט א וויזע פון לאנד.

דער לויער האט געברענגט באוויזן אז די קאר ווערט נישט געדרייווט דורך איר נאר דורך א צווייטן דרייווער די קאר איז נאר רעגיסטרירט אויף איר נאמען און די פארלעצונגען האט נישט מיט איר.

דעם לעצטן משפט וואס דארט ווערט מען פסקענען איז פארגעקומען ערב סוכות אבער ביני לביני האט הרב אשר געמוזט ארויסגיין פון רוסלאנד און צוריק אריינקומען ווי א גאסט ביז ער וועט צוריקבאקומען זיין אזיל רעכט.

אין נאכט אין די עשרת ימי תשובה האט זיך הרב אשר אריבערגעכאפט מיט זיין קאר צו דער דערנעבנדיג לענדל קאסאקסטאן צו קענען אדורכגיין די גרעניץ און קענען דערנאך צוריק אריינקומען.

הרב אשר דערציילט אז ער האט זיך



אוהל אדמו"ר חב"ד

געשפירט אזוי פארזיכערט נאכן אפשיקן א קוויטל צום אוהל אדמו"ר חב"ד אז ער האט נישט אפילו מיטגענומען זיין תפילין וויסנדיג אז ער וועט זיכער קענען צוריק ארייינקומען אבער ער זאגט אז שפעטער האט ער חרטה געהאט אויף דעם באשלוס ווען אין קאסאקסטאן האט ער געטראפן א אידל וואס ער וואלט ווען געקענט מזכה זיין מיט תפילין.

## זכאי בדין

ביי די לעצטע געריכט איז פארגעקומען ניסים ממש שלא כדרך הטבע ווען די קרופטירטע געריכט האט אים געגעבן רעכט און באפרייט זיין קעיס!

דאס איז ממש געווען א חידוש פאר רוסלאנד אז רוסישע געריכט זאל פסקענען קעגן די רוסישע רעגירונג

הרב אשר האט געשפירט ווי זיינע תפילות און אמונה האבן אים באגלייט אויף טריט און שריט.

דאך אבער איז עס שוין נישט געווען די זעלבע פון פאר די גאנצע פרשה אין רוסלאנד אויב האסטו זיך פארטשעפעט מיט די רעגירונג שטייט מען ווייט פון דיר...

הרב אשר איז טאקע ארויס זכאי בדין אבער ער האט געשפירט ווי די ערד

## הרב אשר איז מזכה א איד מיט תפילין





# דער ראש ישיבה זאגט

דער ראש ישיבה זאגט אייביג נישט דא אזא זאך ווי חברים היינט איז ער דיין חבר מארגן ווען ס'שמעקט שוין נישט אזוי גוט ביי דיר דו גייסט עפעס אריבער וכו' שטייט ער שוין ווייט פון דיר

דער ראש ישיבה זאגט אז די איינציגסטער אמת'דיגע חבר איז דיין ווייב זי וועט אייביג זיין מיט דיר נישט קיין חילוק וואס אויף דיר וועט אריבערגיין משא"כ חברים טושן זיך די גאנצע צייט.

געב אוועק דיין צייט אין שטוב פאר דיין ווייב און דיינע קינדער דאס איז עפעס וואס איז נצחי ס'וועט אויף אייביג בלייבן.

מענטשן זיצן און ברענגען אפּ ימים ושנים מיט חברים און צום סוף וועט דיר דיין חבר אפלאזן און דעמאלט וועט שוין זיין צו שפעט דיין ווייב וועט שוין נישט וועלן אויף דיר קוקן.

ענדרש לאז אפּ חברים און דמיונות גיי אהיים צו דיין ווייב הער איר אויס פארברענג מיט איר געב צייט פאר דיינע קינדער וועלן זיי זיין מיט די אויף אייביג.

# סיביר

דער איד וואס האט זיך געשלאגן צו קענען בלייבן אין

אונטער אים ברענט אויב די רוסישע קאמוניסטן ווילן אים זען אינדרויסן פון זייער לאנד דאן וועט אים גארנישט נוצן צום סוף וועלן זיי אים באזיגן...

דערווייל האט זיך הרב אשר ווייטער מחזק געווען צו גיין הפצה און אויספירן זיין רבינ'ס שליחות און מזכה זיין אידן מיט תפילין און מיט מצות און וויפל ער האט געקענט האט אריינגעכאפט אויפצוטאן ווי לאנג ער קען נאך.

## אודך כי עניתני

אדורך זענען עטליכע יאר וועןנאכאמאל קומט אן דעם שרעק אנווארפנדער בריוו פון די רוסישע היים אפיס פארלאנגדיג פון אים אז ביז פיר וואכן מוז ער זיין אינדרויסן!

דאסמאל איז ער שוין נישט אזוי דערציטערט געווארן וויסנדיג אז ס'וועט קומען.... גראד האט ער טאקע געבעטן דעם געריכט פאר אן אפיעל ער וויל וויסן וועלכע עבירה ער האט יעצט געטוהן?

דאסמאל אבער איז די קעיס אריבער צו די געהיים פאליציי טרוויערינ באקאנט אלס די קעי דשי בי ווייל די קעיס איז כלומרשט א נאציאנאלע זיכערהייט קעיס...

די געריכט איז פארגעקומען אין אן אונטערערדישע בונקער אין מוסקבה ווי דער שופט האט קאלטערהייט דערקלערט אז ער קען נישט געבן פאר הרב אשר קיין שום ספעציפישע דעטאלן פארוואס די מוטער רוסלאנד ווארפט אים ארויס וויבאלד דאס איז גאר געהיים און ס'איז א נאציאנאלע זיכערהייט קעיס!

יעצט האט ער זיך שוין בכלל נישט געקענט שלאגן ווייל ער האט נישט געקענט ברענגן קיין שום באווייזן אויף גארנישט היות מ'האט נישט מיטגעטיילט מיט אים וואס איז די סיבה אויף וואס ער ווערט אנגעקלאגט...

## ארויס פון דא

די קומענדיגע וואך איז פארגעקומען די גרויסע כינוס השלוחים אין אמעריקע הרב אשר האט זיך באטייליגט און איז געגאנגען איינרייסן ביים אוהל אדמו"ר חב"ד אז ער זאל קענען אויספירן זיין שליחות פונעם רבין און צוריקברענגען אידן צום אייבערשטן.

הרב אשר האט געהאפט אז ביים צוריק קומען אין רוסלאנד וועט ער קענען אריינגיין אלס א טוריסט א גאסט אזוי ווי פאריגע מאל אבער אזוי ווי ער איז אנגעקומען צום גרעניץ האט מען אים גראד גענומען אין א זייט און אים געגעבן א שטעמפל אין פאספארט אז פאר פינף און צוואנציג יאר קען ער נישט אריינקומען אין רוסלאנד און ער מוז שוין פארלאזן רוסלאנד!

הרב אשר האט גענומען דעם נעקסטן פליגער קיין ארץ הקודש און עטליכע טעג שפעטער האבן זיין משפחה נאכגעפאלגט קיין ארץ הקודש ווי זיי האבן זיך אויפדערווייל באזעצט אין כפר חב"ד.

הרב אשר ביי די כינוס השלוחים





## די הכנסת ספר תורה אין האמערסמיט





## אויסגעפירט די שליחות

צו לאנג איז הרב אשר נישט געזעסן מיט צוזאמען געלייגטע הענט גראד האט ער זיך אריינגעווארפן צו טרעפן עפעס א ווינקעלע צו קענען צוריקברענגען אידן צום אייבערשטן אויף זיין רבינ'ס שליחות.

נאכן דורכקוקן עטליכע אפציעס זענען זיינע אויגן געפאלן אויף א שטאט אין לאנדאן וואס הייסט העממערסמיט און פולהעם. דאס שטעטל געפינט זיך אין די געגנט פון די גרויסע באקאנטע היטראו עירפארט און דארט איז אויך דא עטליכע גרויסע אוניווערסיטעטן וואו עס לערנען ליידער אידישע קינדער וואס זענען אפגעפרעמד פון תורה און מצות.

ער האט אריינגעגעבן אלע נויטיגע פאפירן צו קענען באקומען ענגלישע אזיל רעכט און אנגעהויבן זוכן א פלאץ וואו זיך צו באזעצן.

א גרויסע מעלה האט ער געהאט אז ער קען רעדן א פליסיגע רוסיש ווייל דארט געפונען זיך אסאך אידישע משפחות פונעם רוסישן אפשטאם וואס וועט פאר זיי פארגרינגערן צו האבן א



# דער ראש ישיבה זאגט

דער ראש ישיבה זאגט שטענדיג ווי שיין עס איז ווען א איד דערהאלט זיך אין די מצבים ווען ער האט אלעס פארלוירן, ער זעט נישט גארנישט פאר זיך, אבער ער שטארקט זיך און הייבט אן פונדאסניי כאילו לא הי' ער קוקט נישט אויף די דורכפעלער וואס איז געווען, דאס איז די שיינקייט פון א איד, און דער אייבערשטער האט פון דעם גאר שטארק הנאה.

## שיעורי תורה אין האמערסמיט



רב וואס רעדט זייער מאמע לשון.

ער האט אפיציעל געעפנט די קהילה לכבוד יום הקדוש אבער אזוי ווי זיין שול איז נאכנישט געווען גרייט האט ער ארויסגעדינגען א גרויסע קאנפערענץ צימער אין איינע פון די גרויסע האטעלן וואס דארט וועט מען פראווען די יום כיפור תפילות.

דורך כל מיני אופנים איז הרב אשר ארומגעגאנגען און אפירגעזוכט אידישע קינדער זיי בעהטן זיי זאלן קומען יום כיפור אין שול דאווענען צוביסלעך האט זיך די מנין אנגעהויבן בויען פון עטליכע סטודענטן מיט עטליכע רוסיש אפשטאמיגע ביזנעסלייט מיט נאך אפאר פארוואגלטע אידן וואס וואוינען אינעם אומגעגנט.

## כל נדרי

הרב אשר פארציילט ווי אזוי ער איז געשטאנען דארט אינעם האטעל קאנפערענץ צימער מיט א קוים א מנין אידן און מיט פחד איז ער צוגעגאנגען צום עמוד און אנגעהויבן דעם נוסח כל נדרי.

נאכן פארענדיגן דאס דאווענען קומט צו צו אים א רוסיש אפשטאמיגע איד און באדאנקט זיך שטארק פאר די ווארימע דאווענען ס'האט אים אנגעצונדן זיין נשמה הרב אשר האט אים גראד פארבעטן אז ער זאל קומען אויפצומארגנס אויך כאטש אויף תפילת נעילה דער איד האט צוגעשטימט און האט צוגעלייגט אז ער וויל מנדב זיין פאר די נייע קהילה א ספר תורה!

הרב אשר האט זיך זייער געפרייט צו דעם ער האט געזאגט פאר דעם אידל אז מארגן נאך נעילה וועט מען רעדן...

## תפילין פאר נעילה

## הרב אשר איז מזכה צענדליגע סטודענטן מיט תפילין





מ'האלט שוין ביי נעילה הרב אשר פארציילט אז א אינגע סטודענט איז געווען א טייל פונעם מנין מצומצם און צו שחרית און מוסף איז ער נישט אנגעקומען ערשט ביי נעילה איז ער אנגעקומען מיט די אטעם אין די הענט און פארענטפערט זיך פאר הרב אשר אז די טאג איז אזוי הייליג ס'האט אים געכאפט צופרי אזא הרהור תשובה אז ער האט מחליט געווען אז ער גייט אנטון תפילין אבער נישט סתם נאר ער האט אויך אנגעטון פאר זיין טאטע און פאר זיין זיידע דעריבער האט ער פארשפעטיגט דאס דאווענען...

הרב אשר האט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און געזאגט קוק הייליגער באשעפער וואס פאר א טייער פאלק דו האסט! וואס וואלט דער הייליגער בארדיטשובער געזאגט אויף אזא בחור ער ווייסט גארנישט ער קען גארנישט אבער ער וויל זיין אן ערליכע איד!





הרב אשר זאגט אז אויפן פלאץ האט ער אים שטארק אויסגעלויבט און מחזק געווען מיטן חשבון אז מיט די צייט וועט ער מיט אים לערנען אלע הלכות און נישט חלילה אים געבן יעצט א שלעכטע געפיל אז ער האט געטון נישט ריכטיג.

## והילד איננו

מ'האלט שוין נאך מעריב און דער אידל וואס האט צוגעזאגט א ספר תורה איז נישט דא! הרב אשר טראכט צו זיך שוין די מעשה איז סיי ווי געווען צו גוט צו זיין אמת'דיג... מסתמא האט ער זיך נאר געוואלט מאכן פילן וויכטיג און עס נישט געמיינט אויף למעשה...

מוצאי ימים טובים שטייט הרב אשר אויפן ליין ביים טשעק אין, אין היטראו עירפארט אויפן וועג קיין ארץ ישראל צו ענדיגן די נויטיג הכנות זיך צו קענען פאקטיש אריבערציען אויף ענגלאנד און טרעפט אט דעם אידל שטייט דארט ביים שורה!

דער אידל קומט גראד צו צו הרב אשר און דערלאנגט אים אויפן פלאץ צען טויזנט דאלאר דאס איז א דעפאזיט נעמט מיין נומער און מיר וועלן זיין בקשר איך וועל אייך נאכשיקן דאס איבריגע!

הרב שטייט דארט שאקירט ער קען נישט עפענען זיין מויל ממש פון הימל אראפ געקומען א ספר תורה פאר די נייע קהילה.

און די נאכפאלגנדע טעג האט דער איד טאקע געטראנספערט פאר הרב אשר די איבעריגע סומע פארן ספר תורה.

## עפילאג

היינט פירט הרב אשר א הערליכע קהילה אין די שטעט פון העממערסמיט און פולהעלם וואו ס'זענען זיך כסדר נתרבה ספסלי הביהמ"ד מיט אידן וואס ווילן נענטער ווערן צו תורה אין מצות.

הרב אשר איז פארנומען מיט פילע הפצה פעולות צו קענען אריינשיינען א ליכטיקייט אין די פארוואגלטע נשמת ישראל.

פון הרב אשר קענען מיר זיך לערנען אז ווען מ'מיינט עס אמת'דיג אן קיין שום נגיעות צו העלפן אידן און מ'האט א שטארקע אמונה וויסנדיג אז מ'איז א שליח פון די רבש"ע וועט קענען אריבערגיין וואספארא שוועריקייט ס'זאל נאר נישט זיין און מ'וועט זיך קענען דערהאלטן און ווייטער אנגיין.

YOUR TRUSTED PARTNER FOR

# Insurance Solutions



When you buy insurance through an independent broker, you get ease, choice, and advice. An independent broker that has allegiance to you as a customer and you can choose the carrier that best suits your needs.

## Licensed Insurance and Real Estate Broker

THE HEILIGE REBBE SAYS

"Ein Shum Yiush B'olam Klal"

we don't give up on you so easily and neither should you!

Looking forward to helping you,

- Simcha Salz -

## OUR SERVICES



HOMEOWNERS



RENTERS




TRAVEL



BUSINESS



EMPLOYEE HEALTH



AUTO INSURANCE

## CONTACT US:

| SALZ & ASSOCIATES LLC | SALZ REALTY GROUP LLC | SALZ INSURANCE BROKERAGE LLC |
|---|---|---|
| 212-725-9467 | 212-725-9734 | 212-725-9467 |
| www.salzandassociates.com | www.salzre.com | www.salzinsurance.com |

# א מעשה
## פון א צדיק



## הַיינְט אִיז אוֹיךְ דָא מַעֲשִׂיוֹת מִיט מָאנְקִיס

אַ אִיד הָאט גֶעהַאט אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין פַּרְנָסָה; זַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען מִיט גְרוֹיס דוֹחֵק, קוֹים וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט צוּ לֶעבְּן. גֶעלְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט אָבֶער עֶר הָאט גֶעהַאט אַ זַאךְ וָואס אִיז מֶער פוּן גֶעלְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה; בַּיי אִים אִיז גֶעוֶוען זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעדַאֲגָה'ט

אֵיינְמָאל פְרֶעגְט אִים דֶער בַּעַל הַבַּיִת - דֶער פָּרִיץ: "פוּן וואוּ וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח? דוּ הָאסְט דָאךְ גָארְנִישְׁט!" הָאט אִים דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן; עֶר גֶעט מִיר פַּרְנָסָה אַ גַאנְץ יָאר אוּן עֶר וֶועט מִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן יֶעצְט פֶּסַח אוֹיךְ נִישְׁט"



דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעטְרַאכְט: 'אִיךְ וֶועל וַוייזְן דֶעם אִיד, אִיךְ וֶועל זִיכֶער מַאכְן אַז דֶער אִיד זָאל זַיין צוּשַׁאנְד אוּן צוּשְׁפָּאט'; דֶער פָּרִיץ הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט צֵיילְן זַיין גֶעלְט, עֶר הָאט גֶענוּמֶען יֶעדֶע רֶענְדְל אוּן גֶעקְלַאפְּט דֶערְמִיט אוֹיף זַיינֶע צֵיין צוּ הֶערְן פוּן דִי קוֹל אוֹיבּ עֶס אִיז עֶכְט גָאלְד אָדֶער פַאלְשׁ, דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעהַאט אַ מַאלְפֶּע אוּן אַ מַאלְפֶּע מַאכְט דָאךְ אַלֶעס נָאךְ, וֶוען דֶער פָּרִיץ אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטוּבּ הָאט דִי מַאלְפֶּע אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן דִי גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת בִּיז עֶס הָאט גֶע'פֵּגְר'ט, דֶער פָּרִיץ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צוּפְרִי אוּן גֶעזֶען אַז זַיין מַאלְפֶּע לִיגְט טוֹיט, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט טְשֶׁעפֶּען דֶעם אִיד דֶערְמִיט

עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי טוֹיטֶע מַאלְפֶּע אוּן גֶעהֵייסְן זַיין בַּאדִינֶער זָאל עֶס אַרַיינְוַוארְפְן צוּם אִיד אִין שְׁטוּבּ. דֶער אִיד זִיצְט אִין זַיין שְׁטוּבּ, אִינְמִיטְן הֶערְט עֶר אַ קְרַאךְ, עֶר אִיז גֶעלָאפְן קוּקְן אוּן זֶעט אַ טוֹיטֶע מַאלְפֶּע לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר הָאט גְלַייךְ דֶערְקֶענְט אַז דָאס אִיז דִי מַאלְפֶּע פוּנֶעם פָּרִיץ, הֵייבְּט עֶר עֶס אוֹיף אַרוֹיס צוּ טְרָאגְן אוּן עֶר זֶעט וִוי עֶס פַאלְט אַרוֹיס פוּן דִי מַאלְפֶּעס מוֹיל גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיף יוֹם טוֹב

פֶּסַח בַּיינַאכְט הָאט דֶער פָּרִיץ גֶעוָואלְט זֶען וָואס טוּט זִיךְ בַּיי דֶעם אִיד; אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען קוּקְן אוּן גֶעזֶען וִוי דֶער אִיד זִיצְט וִוי אַ מֶלֶךְ מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער בַּיים טִישׁ, הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אַזוֹי וִוי אַלֶע אִידְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס וִוי קֶענִיגְן פֶּסַח בַּיינַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, גֵייט עֶר אַרַיין אוּן פְרֶעגְט דֶעם אִיד פוּן וואוּ עֶר הָאט דָאס אַלֶעס? דֶערְצֵיילְט אִים דֶער אִיד דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה; הָאט שׁוֹין דֶער פָּרִיץ גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה

מֵיין נִישְׁט אַז הַיינְט אִיז נִישְׁטָא דִי מַעֲשִׂיוֹת, הַיינְט אִיז דָא דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשִׂיוֹת; דִי וָואס הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - דִי וֶועלְן דִיר דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה, מַעֲשִׂיוֹת פוּן נִיסִים, נָאךְ שֶׁענֶער פוּן דִי מַעֲשֶׂה.

(עצתו אמונה ויקרא תתשפ"א)

# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



ע"ג

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

**דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם וָואס מְ'זֶעט אֵיין צַדִּיק קְרִיגְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן צַדִּיק. נָאכְדֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה, הָאבְּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן דֶעם ז' אוּן דֶעם רֶבִּי'ן. סְ'הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיטְ'ן ז' אוֹיף אֵיין פְּלַאץ.**

עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן "אִיז אֶמֶת אַז אִיר הָאט גֶעזָאגְט אַז אִיר זֶענְט גֶעוֶוען אִין הֵיכָל פוּן מָשִׁיחַ?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי אוֹיף דֶעם גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיז וָואס? זֶענְט אִיר דֶען דָארְט גֶעוֶוען אוּן מִיר נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דָארְט? נָאר אַזוֹי וִוי אִיר פְרֶעגְט מִיר וֶועגְן דֶעם, אוֹיבּ וִוילְט אִיר קוּמֶען מִיט מִיר טְרִינְקֶען טֵיי אָדֶער קַאוֶוע אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיר וֶועט מוֹדִיעַ זַיין פַארְ'ן עוֹלָם אַז אִיר צִיט צוּרִיק פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיר הָאט גֶערֶעדְט, פוּן דִי מַחְלוֹקֶת וָואס אִיר הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מִיר, וֶועל אִיךְ אַייךְ עֶרְקְלֶערְן דֶעם גַאנְצְן עִנְיָן זֵייעֶר קְלָאר".

הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר וֶועט קוֹדֶם אַהֵיימְגֵיין אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט עֶר קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן וֶוען עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט, "וָואסֶערֶע פָּנִים וֶועל אִיךְ טְרָאגְן פַאר דִי נְגִידִים, אוֹיבּ וֶועל אִיךְ גֵיין צוּ אִים אוּן שָׁלוֹם מַאכְן?". אוּן עֶר אִיז טַאקֶע מֶער נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

הָאט דֶער רֶבִּי דַאן גֶעזָאגְט, "עֶר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט שָׁלוֹם מַאכְן מִיט מִיר, עֶר וֶועט וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן דִי מַחְלוֹקֶת. פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבּ אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט מוֹרָא פוּן אִים, וַוייל עֶר הָאט מִיר שׁוֹין גֶעוִויזְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צֵיין"..

**שְׁנַת תקס"ב**

רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל"ה. יוֹם טוֹב סוּכּוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל"ג.

אִין יֶענֶעם ווִינְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן דִי צַדִּיקִים אִיבֶּער צְדָקָה גֶעלְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אַסַאךְ צַדִּיקִים זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי זַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע, אוּן אַסַאךְ צַדִּיקִים זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי זַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק הרה"ק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע.

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ד. י"ב שְׁבַט, שַׁבָּת שִׁירָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל"ח. י"ט שְׁבַט, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעהֶערְט זָאגְן קַדִּישׁ נָאךְ זַיין מַאמֶע.

פַאר פּוּרִים הָאט מֶען גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע צוּם מַגִּיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע קֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אִיז דֶער מַגִּיד גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין אֵיידֶעם ר' יִצְחָק, וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר הָאט כְּתָבִים פוּן רֶבִּי'ן הָאט עֶר אִים גֶעוִויזְן דִי תּוֹרָה "אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים", וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ב'. דֶער מַגִּיד אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן אוֹיף דִי תּוֹרָה? אַז סְ'אִיז זוֹהַר?! סְ'אִיז הֶעכֶער פוּן זוֹהַר. סְ'אִיז תִּקּוּנִים?! סְ'אִיז הֶעכֶער פוּן תִּקּוּנִים!". אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט דִי מַלְשִׁינִים וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט דִי לָשׁוֹן הָרַע.

דֶעמָאלְט הָאט פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט ר' שִׁמְעוֹן, אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אַיינְקַאסִירְן גֶעלְט פוּן רֶבִּי'ן אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג זַיין שְׁלִיחוּת, עֶר הָאט גֶענוּצְט דֶעם רֶבִּינְ'ס גֶעלְט פַאר זִיךְ עֶס אַיינְצוּשְׁטֶעקְן אִין עֶפֶּעס אַ גֶעשֶׁעפְט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר פַארְפַּאטְשְׁקֶעט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט, אוּן הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאצָאלְן. הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ דַאן אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט, "צוּלִיבּ דֶעם קוּמְט זִיךְ דִיר צוּ פַארְשִׁיקְן".

**וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט מִיט ר' שִׁמְעוֹן?**

לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**


+admarkny.com
SERVICING BROOKLYN & CATSKILL AREAS
Medease offers a full range of medical services by experienced, caring professionals in the comfort of your own home.
We will test, examine and prescribe medication as needed, delivering quality medical care at your convenience.
718.208.2030 / Info@medease.care / medease.care
Medease
CARE AT HOME




**Quality medical care at home.**

**OUR AT HOME SERVICES :**
PRESCRIPTIONS. STREP CULTURES. FLU & COVID/RSV TESTING. EAR EXAMINATIONS. RASHES. URINE CULTURES. ETC.
**TELEHEALTH VISITS AVAILABLE**

מיט א טיפערן בליק



# ורחץ אין א גרינגעם מיטוואך

ישראל דוד העספעל

**ורחץ:** מ'וואשט זיך די הענט און מ'מאכט צו דאס מויל, ווייל אינמיטן די סדר רעגט מען זיך נישט אויף, אפילו ער האט אויסגעגאסן, איך האב קלאר געזאגט ער זאל עס אראפלייגן, און נאכדעם האב איך אים געהייסן ער זאל זיך אוועק רוקן און ער האט נישט געפאלגט, און ער האט זיך גוט גוט אויסגעגליטשט, יעצט קוויטשעט ער און דרילללט מיין אויער, דאס איז עס, פארטיג, מער קען איך שוין נישט!

דער ראש ישיבה זאגט דאך אויך אז מ'מוז מחנך זיין, אמאל דארף מען געבן א פעטשל, איך קען שוין נישט, אלעס האט א גבול, יעצט ליגט ער אין א טייכל וואס ער אליינס האט אנגעמאכט, און ער פלאטשקעט נאך ארום אויך, גענוג איז גענוג, איך גיי זיך שוין אט אט אויפרעגן, איך נעם אריין דעם לעצטן טיפן אטעם פאר איך פלאץ אויס...

דא קומט מיר ארויף פאר די אויגן אלע שיעורים פון דער ראש ישיבה, הכנה פאר פסח - פסח איז יום טוב פון חירות, מ'דארף זיצן און פארברענגען מיט די קינדער, מ'מוז זיין פריילין!

דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט דאס



וואס מוהרא"ש טייטשט אריין וואס דער רבי זאגט, אז איין מצוה זאל מען נעמען און אין דעם זאל מען אריינלייגן אלע חומרות, אז דאס זאל מען טון מיט די מצוה פון שמחה! אויף שמחה דארף מען מחמיר זיין עד הסוף!

יעצט פסח ביינאכט ביים סדר נאך אזוי פיל שיעורים און הכנות ווייסט שוין יעדער אז מ'רעגט זיך נישט אויף, און זיכער נישט גראד ביים אנפאנג ביי ורחץ.

שטיי איך דארט א סעקונדע פארן אויספלאצן אויף מיין זון איינמאל פאר אלעמאל, ווייל אלעס האט א גבול און א שיעור, און מיין קאפ לויפט א ווידער קול ורחץ! מ'וואשט זיך די הענט און מ'זאגט נישט די ברכה... יעצט? יעצט ביי ורחץ גיי איך זיך פארלירן? קוים אנפאנג סדר גיי איך שוין ארויסגיין פון די כלים? אזוי מיטן קיטל ביים הייליגן סדר טיש?

נעעעע איך וועל נעמען א טיפע אטעם און מיט א שמייכל גיי איך בעטן דעם אייבערשטן אויף סבלנות, און נאכאמאל זאגן שיין...

איי ס'איז א גרינע מיטוואך, ס'איז בכלל נישט די סדר, ניטאמאל יום טוב, נישט דא קיין קיטל נישט דא קיין סדר טיש.... פארדעם איז מיין זון נאכנישט שולדיג... יא איך קען פראווען סדר נאכט פיר און צוואנציג זיבן, דריי הונדערט זעכציג טעג אין יאר!

אה מחי' אז מ'לעבט מיט די לימודים, די לעבן ווערט אזוי לעכטיג. א מענטש איז א סעקונדע אוועק פון זיך נארן און דורכשמייסן אן אפגע'נער'טע לעבן פול מיט דמיון. אוודאי יעדער רעדט צום אייבערשטן, זיכער. יעדער לערנט דריי מאל א טאג. דאווענען נא קומ'זשע אין שול און זע אליין ווער דאווענט נישט, אלעס איז מחי'!

מיינט נאכנישט אז איך מוז ענטפערן און אויפווייזן...

***

ראש חודש ניסן איז אנגעקומען אין שול צו שחרית ביי אונז אין שטעטל, א גרופע בחורים מיט זייער משגיח פון איינס פון די גרעסטע חסידישע ישיבות. זיי זענען געפארן זען דעם ליקוי חמה עטליכע שעה אוועק, און אויפן וועג אהיים האבן זיי זיך אפגעשטעלט אין קרית ברסלב דאווענען שחרית און עסן פרישטאג.

ביי פרישטאג - וואס איז געווען צוגעשטעלט דורכן גבאי מו"ה אברהם יושע וועבערמאן וואס העלפט דעם בית המדרש עס זאל קענען אנגיין מיט די הוצאות וואס איז דא אין בית המדרש - האט דער משגיח געפרעגט פון מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו אויב ער קען אפשר אויפטרעטן פאר די בחורים רעדן אפאר ווערטער, קודם האט ר' משה ארי' פרובירט אפצוזאגן, אבער נאכן איינבעטן האט ר' משה ארי' באוויליגט.

ר' משה ארי' האט אנגעהויבן גיסן פון די לימודים פון רבי'ן אז אין יעדן מצב קען א איד שרייען צום אייבערשטן, און איבעראל איז דער באשעפער דא, רעד ארויס צוויי דריי דיבורים פון דיין מויל צום אייבערשטן וועסטו שפירן דעם זיסן טעם.

פאר דעם משגיח איז עס נישט געפאלן, "ניין ניין" שרייט ער אריין, "דאס זענען מצויינים בחורים, זיי ווילן הערן עפעס א השגחה פרטיות מעשה...."

השגחה פרטיות ווילט איר הערן? אההההה איך האב א פיינע השגחה פרטיות מעשה! הער אויס, מיט עטליכע יאר צוריק בין איך געווען ביים סאטמאר רבינ'ס ציון און מיין זון האט זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל באקומען א נייע מיני ווען, און הפלא ופלא ממש השגחה פרטיות, בעליוו איט אר נאַט איך האב באקומען א נייע מיני' ווען...





דער משגיח געט א שיס אויס און א געלעכטער, נא נא נישט דאס האב איך געמיינט צו זאגן... פארצייל א געהעריגע השגחה פרטיות, שוין... ס'הייבט זיך אן קאכן ביים טיש וועגן יענע צדיק מיט יענע רבי, און וואס איז די ריכטיגע וועג, ווער איז למעשה גערעכט?

ר' משה ארי' מאכט זייער קלאר, איך וועל דיר מסביר זיין; די מעלה פון גיסן טחינה דירעקט אויפן פאלאפל איז, אז מ'קען נאכדעם עסן ווי א מענטש, ווידער אויב וועל איך טינקען דעם פאלאפל אין די טחינה, דאן באקום איך פרישע טחינה אויף יעדן בייס... מ'דארף עס ריכטיג דורכטון עד הסוף, אין די זאכן בין איך גאר שטארק אויסגעקאכט - קלארט ר' משה ארי' אויס - אבער אין צדיקים געב איך נישט קיין דעה! אויב ווילסטו רעדן פון פאלאפל קענען מיר א גאנצע נאכט פארברענגען, אבער אויב גייט מען לייגן צדיקים אויפן וואגשאל און אנהייבן פלוישן, בין איך שוין לאאאנג נישט דא!

נא פרעגט עפעס זאגט ר' משה ארי'... עטץ זאגטס טאקע גמרא? מ'קען זאגן? ס'הייסט געלערנט? אוי פאר דעם משגיח איז נישט גוט געווארן, ער געבט שנעל א קלאר אויס נאכאמאל, אז דא רעדט מען פון מציינים וואס לערנען געהעריג!!! ראשונים אחרונים מ'קאכט און מ'אקערט אריין ווי ס'דארף צו זיין...

הער אויס - זאגט ר' משה ארי' - איך גיי אוועק געבן זעכציג סעקונדעס פון מיין צייט פאר דעם נושא, אויב כאפסטו עס איז גוט, אבער אויב נישט איז א שאד די צייט, ווייל מיר קענען זיצן טעג און וואכן און זיך טעהנ'ען - וויאזוי זאגן די מעקסיקאנער? מי נאו טיים...

איז אזוי; אין איין טאג איז פארהאן 24 שעה... דריי און צוואנציג שעה און פינף און פופציג מינוט לאז איך דיר זיין גערעכט אז מ'לערנט געהעריג טיף טיף ברצוף רצופות, דערנאך נאכן לערנען די עכטע נארמאלע מציונ'דיגע וועג פאר דריי און צוואנציג שעה מיט פינף און פופציג מינוט געב אוועק די לעצטע פינף מינוט פאר די פאני ברסלב'ע קולט מיט זייער "נייע" וועג, אפשר דאך, אפשר אפשר וועסטו אויך שפירן דעם זיסן טעם, נעם פינף מינוט זאג א בלאט גמרא און דערנאך איז גראד צוריק צו די נארמאלע וועלט! געהעריג ראשונים אחרונים!

אבער געב אכטונג ווייל די פינף מינוט איז גאר גאר אדיקטיוו, איינמאל דו וועסט שפירן דעם זיסן טעם וועסטו שוין קיינמאל נישט אפלאזן די תורה!

יא יא פיין זאגט דער משגיח, אבער ס'איז דאך דא אן אנדערע משפיע אין ברסלב וואס זאגט אז די שיחה לערנט מען אנדערש... ס'מיינט נאר... אז...

נא אדרבה! לערנט ווי אזוי יענע משפיע זאגט! נישט ממש זאגן? פיין זאל זיין נישט ממש זאגן אבער עפן שוין דעם גמרא און לערן! סתם זאגן יענער זאגט אזוי און א צווייטער זאגט אזוי, און איך בלייב ווייטער אין מיין בלאטע פלאטשקענען און ברעטשענען, אבער איך בין אויסגעקאכט אין וועלכע וועג איז די נישט ריכטיג, און פון וועלכע גוטע איד מ'האט יא אדער נישט געהאלטן...

פסח זיצט מען און מ'פארציילט מעשיות פון די אמאליגע עמי הארצים וואס האבן גארנישט געקענט און גארנישט געוויסט, ווי חשוב עס איז געווען זייערע טעותים ביים אייבערשטן, אהההה מחותנים לפניך, אהה די ונצעק פונעם

פראסטן איד, אהההההההה אוי ווי הייליג אוי ווי חשוב...

און וואס איז מיט דער פראסטער איד פון היינט וואס האט טויזנט מאל די נסיונות פון יענעם פארצייטישן דארפס איד, און טראגט ארויס די חמץ, ער טוט אן זיין קיטל, און עסט מצה, אבער ביי דיר איז



ער אן אפגעפרעגטער קל ווייל ער פירט זיך נישט פונקט אויפן האר ווי דיר.

ס'האט דאך יענע פנים ווען מ'לעבט אן לימודים פון א צדיק, אלע כללים זענען דא, אלע מעשיות זענען דא, אבער גארנישט איז פאר מיר, אלעס איז נאר אמאל, נאר א דמיון...

דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשה ווי אזוי דער הייליגער רבי משה לייב סאסובער זכותו יגן עלינו האט זיך א לאנגע צייט געפארעט מיט זיינע מצות ס'זאל האבן אלע הידורים, עס זאל זיין דאס מערסטע אויסגעהאלטן מיט אלע חומרות.

פאר פסח גייט ער אויפן גאס און זעט ווי א פשוטער איד טאנצט זיך פרייליך, רבי משה לייב פרעגט אים וואס עפעס ביסטו אזוי פרייליך יעצט?

וואס הייסט איך האב געקויפט מצות פאר פסח! שכח אייבערשטער!

וואסערע מצות האסטו געקויפט אז דו טאנצט אזוי אויפן גאס?

פשוטע פסח'דיגע מצות! א גאנץ יאר בעט איך דעם אייבערשטן איך זאל זוכה זיין צו קענען האבן מצות אויף פסח, און יעצט פריי איך זיך אז איך האב זוכה געווען צו קענען קויפן מצות אויף פסח!

רבי משה לייב איז אזוי נתפעל געווארן פון די תמימות און שמחת המצוה פון

דעם איד, אז ער האט אים געבעטן אויפצוטוישן זיינע מצות פאר די גאר מהודר'דיגע! ווייל מער מהודר פון מצות וואס מ'האט א גאנץ יאר געבעטן דעם אייבערשטן איז נישט דא!

און גראד אויף לעובדא ולמעשה זאגט דער ראש ישיבה "עפן דו אויך דיין מויל און בעט דעם אייבערשטן אויף דיין פשוטע שפראך מיט תמימות דו זאלסט זוכה זיין צו האבן כשרע פסח'דיגע מצות, דו זאלסט חלילה נישט נכשל ווערן מיט א משהו חמץ אין פסח", דאס אלעס קענסטו בעטן דעם אייבערשטן!

שפעטער הער איך ווי צווייטער רעדט פון די מעשה און פירט אויס "אוי ווי זענען די אמאליגע אידן וואס פלעגן לעבן מיט א תמימות און וויסן ווי אזוי צו בעטן דעם אייבערשטן, חוץ פון דעם האבן זיי גארנישט געוויסט..."

נישט דו האסט די גרויסע מהודר'דיגסטע מצות פון רבי משה לייב סאסובער און נישט די אמאליגע פארצייטישע תמימות, ביזט קרח מכאן וקרח מכאן!

געב אכטונג נישט אריינצופליען אין די דמיון, נאר זען צו לעבן מיט די עצות פון צדיקים, לעבן מיט תורה און תפילה "היינטיגע צייטן מיט די אמאליגע תמימות"!


Paramedics
86

# הצלת נפשות

נאכן האבן א הערליכע שמועס מיט
מו"ה יחזקאל סאמעט שליט"א עטליכע
וואכן צוריק ווי ער האט מיטגעטיילט
זיין אינהאלטסרייכע סיפור התקרבות,
טוישט זיך ר' יחזקאל פון זיין מלומדות
וועסטל און טוט אן דעם הצלה וועסטל,
ווי ער דינט אלס א געטרייע פאראמעדיק
אין 'חברה הצלה', ווי ער וועט אויסשמועסן
אלעס ארום די הייליגע ארבעט פון
ראטעוועןאידן טאג טעגליך.

נפתלי הירצקא וואללנער

**א גוטן ר' יחזקאל מיר האבן שוין לאנג נישט גערעדט, קודם ווי אזוי איז געווען די אפקלאנג פון די פריערדיגע שמועס?**

די אפקלאנג איז געווען עפעס אויסערגעווענטליך גוט, איך האב זיך נישט פארגעגרייט דערויף, איך האב נישט געוויסט אז די 'קרית ברסלב בלעטל' איז אזוי פאפולער איבער דער וועלט, עס איז געווען אזוי שיין און רייך אראפגעשריבן, איך בין גרייט פאר נאך א שמועס אזוי ווי דו האסט געבעטן.

**שכח פאר די קאמפלימענט. אלזא לאמיר אריינגיין אינעם שמועס, צום ערשט וואס איז אייער יוניט נומער אין חברה הצלה?**

מיין יוניט נומער איז C - 124

**וואס האט אייך געצויגן אריינצוגיין אין די מעדיקל פעלד? איר האט אלץ געהאט א געפיל דערצו?**

מיין טאטע איז אן אי. עם. טי. און איך האב זיך געפילט אלס קינד זייער מעכטיג מיט דעם, אזוי איז אויסגעקומען אז איך האב געהאט א געפיל צו די זאכן. עס האט מיר אלעמאל זייער פאראינטערעסירט די געוואלדיגע נפלאות הבורא, די ווינדערליכע אויסשטעל פון די מענטשליכע גוף 'מה רבו מעשיך ה'', די רמ"ח איברים און שס"ה גידים.

**ווען האט איר למעשה אנגעהויבן די פראצעדור זיך צו לערנען ווערן אן אי. עם. טי. און א פאראמעדיק?**

אין יאר תשע"ו אין די פלאנוג פאזע פונעם ברסלב'ן שטעטל, האט דער ראש ישיבה געבעטן מו"ה ישעי' איידליס הי"ו צו צאמנעמען אינגעלייט, זיך צו לערנען אי. עם. טי. די ליסטע איז באשטאנען פון צוו און דרייסיג נעמען, צום סוף האבן זיך נאר פינף אינגעלייט געלערנט, אני הקטן, מו"ה ישעי' איידליס הי"ו, מו"ה העניך אינדיג הי"ו, מו"ה מרדכי היימליך הי"ו, מו"ה זלמן לייב זילבער הי"ו. שפעטער איז צוגעקומען מו"ה יואל מענדלאוויטש הי"ו און מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו, אבער כהיום אין שטעטל האלט מען יא בערך ביי צוואנציג אי. עם טי.

**פשיהא! ווי לאנג האט אייך גענומען צו ווערן א פאראמעדיק?**

עס איז דא צוויי שטאפלען אין הצלה, קודם דארף מען זיין א געוועונליכע הצלה מעמבער - אן 'אי. עם. טי.' דערנאך קען מען ווערן א פאראמעדיק. די געזעץ לויטעט אז אן אי. עם. טי. דארף זיך לערנען זעכציג שעה! מען דארף זיין אין שפיטאל צוקוקן ווי מען באהאנדעלט פאציענטן צוועלף שעה, מיט אפאר עקזעמס. מיר האט עס גענומען דריי חדשים אויסגעשטעלט אויף צוויי נעכט א וואך, עס איז געווען גאנץ שווער. למעשה האב איך אריינגעשיקט און אפלעקאציע צו קעטסקיל הצלה בפקודש ראש ישיבה, ווי איך בין ברוך השם געווארן אנגענומען אלס הצלה מעמבער פאר די צוויי זומער חדשים, און אויך צוויי חדשים פאר די זומער הייבט זיך אן, ווי מען דארף זיך אביסל אויפרישן וויאזוי צו באהאנדלען פאציענטן.

א פאראמעדיק איז שוין גאר אן אנדערע מעשה, די געזעץ פארלאנגט אז א פאראמעדיק דארף זיך לערנען איבער טויזנט שעה! פינף הונדערט שעה דארף מען זיין אויף אן אמבאלאנס, הונדערט פופציג שעה דארף מען זיין אין שפיטאל און מען דארף אליין באהאנדלען הונדערטער פאציענטן ווי אויך דארף א פראצענט זיין קינדער פאציענטן, און אויך דארף מען זיך לערנען ווי אזוי צו מאכן שנעל קליינע אפעראציעס ווען איינער ראנגלט זיך פאר זיין אטעם. בעיקר דארף א פאראמעדיק זיין געלערנט צו קענען דערשיידן וואספארא פראבלעם דער פאציענט האט, וועלכע און וויפיל מעדעצין צו געבן פארן מענטש, וועלכע שפיטאל איז בעסער פאר זיין צושטאנד, וואס אין דעם איז א געוועונליכער הצלה וואלונטיר נישט אזוי שטארק אויסגעקאכט.

**וואס ליגט אין א באגאדזש פון א פאראמעדיק מער ווי א געוועונליכע הצלה וואלונטיר, און וואס זענען זיי?**

א געוועונליכע אי. עם. טי.



האט צוויי באגאדזשן איינס פאר אויסערליכע פראבלעמען עס ווערט גערופן א 'טראומע קיט' ווי למשל א שניט, פון א קליינע געשעניש ביז גאר א שרעקעדיגע געשעניש און איינס ווערט אנגערופן א 'מעדיקל קיט' פאר אינערליכע פראבלעמען ווען איינער זאגט אז ער פילט נישט גוט אדער דער אטעם איז נישט ווי עס באדארף צו זיין.

די טראומע קיט איז כמעט די זעלבע, ווייל ווי ערנסט קען עס שוין זיין, למשל פאר א צובראכענע פיס לייגט מען עפעס עס זאל זיך האלטן שטייף, אבער ביי די מעדיקל קיט איז שוין גאר עפעס אנדערש ווי א געווענליכע הצלה קיט, עס האט אסאך מעדעצינען, אויך האט א פאראמעדיק א מאשין וואס ליינט יעדע הארץ קלאפ און פרינט עס ארויס אויף א פאפיר, אויך קען עס שאקן א מענטש ווען ער פארמאגט שוין נישט ליידער די ריכטיגע פולס אויסצוהאלטן ביים לעבן רחמנא לצלן, עס ווערט גערופן אן 'אי. קעי. דשי. מאשין'. נאכדעם איז דא א מאשין וואס הייסט אן 'אינטעבעישן' וואס מיט דעם קען מען אריינלייגן א ראר אין די קנה ווי עס געבט לופט גלייך פאר די לונגען, אויך איז דא א זאך עס הייסט א טרעיק וואס מען מאכט א קליינע לאך אין די האלז און מען לייגט אריין לופט ווען מען קען שוין נישט גיין דורך די מויל, איך האב זיך געלערנט אויף דעם אבער אין ניו יארק איז עס נישט ערלויבט צו טון.

**ווי אזוי גייט איר אן נאכן זען די ערגסטע מצבים און סצענעס?**

מען דארף רעדן צום אייבערשטן, כדי ארויסצונעמען פון זיך די סצענעס וואס מען זעט צו. הצלה שטעלט צו ספעציעלע הילף פאר זייערע וואלונטירן (עס





ווערט גערופן "דיבריפינג") נאכן מיטהאלטן שווערע סצענעס, מען קומט זיך צוזאמען אויסשמועסן וואס מען האט געזען, און וואס מען האט געטראכט, און וויאזוי מען וואלט געקענט טון מער צו האלטן דעם מענטש ביים לעבן. נאך אזא קאלד דארפסט זיך אויך אליין היילן, אסאך מאל מיינט מען אז ס'איז גארנישט, איך געדענק איינמאל בין איך צוריקגעקומען פון גאר א שווערע עקסידענט ווי איך האב מיטגעהאלטן א טראגישע סצענע און איך האב זיך פארבירט צו אויסלאכן, למעשה האט עס מיר געכאפט א וואך דערויף און עס איז מיר געווען אביסל שווער נאכדעם.

### האט איר באקומען אמאל אן הוראה אדער הדרכה פון דער ראש ישיבה שליט"א וועגן הצלה?

דער ראש ישיבה איז זייער מקפיד אויף צניעות, למשל ווען עס קומט צו באהאנדלען פרויען האט דער ראש ישיבה אן אנדערע מהלך ווי סיי ווער, דער ראש ישיבה האט אוועקגעשטעלט אין שטעטל א פרויען איינהייט ווי פרויען זאלן באהאנדלען מילדע באהאנדלונגען און מיר קומען נאר פאר ערנסטע באהאנדלונגען. אויך לגבי שבת האט דער ראש ישיבה לעצטענס אוועקגעשטעלט די כולל אינגעלייט וואס זיי לערנען יעצט הלכות רפואה בשבת און זיי לערנען פאר די הצלה מעמבערס ווען מען מעג גיין און ווען מען טאר נישט אזוי אז מ'ווייסט קלאר וואס מען דארף צו טון.

### ווען עס קומט אריין א הצלה רוף, קען מען אייביג אוועקלויפן פון שטוב אדער פון קלאס אלס מלמד?

אנפאנג פלעג איך יעדע מאל ווען איך האב געדארפט זיין אינדערהיים פרעגן מיין ווייב צו איך קען נעמען די רוף אבער היינט ווען מיין ווייב זעט שוין וואס הצלה איז זאגט זי קיינמאל נישט ניין, אבער איך ווייס פאר מיר אז טאמער גיי איך אוועק פונדערהיים ווען מען לייגט שלאפן אינדערהיים געב איך אוועק א קריאת שמע ליינען מיט די קינדער, נעגל וואסער מיט די קינדער, און אפגערעדט שבת ווען איך געב אוועק א סעודה אויף וואס איך קוק שוין ארויס א גאנצע וואך, און ווען איך קום אהיים פון אן הצלה רוף דארף איך טון אלעס וואס א טאטע דארף צוטון אפילו א קאל קען אמאל נעמען פיר פינעף שעה.

וועגן אוועקגיין פון קלאס האב איך געפרעגט דעם מנהל הרב ר' מרדכי אינדיג שליט"א און ער האט מיר געזאגט אז איך זאל אנשטעלן די הצלה ראדיא אז איך זאל נאר הערן די קאלס וואס זענען אין אדער נאנט צו די שטעטל.

### עפעס א קאמישע מעשה וואס איר קענט ארויסגעבן פון הצלה?

הצלה מיט קאמעדיע איז נישט ממש אין איינקלאנג אבער איך דערמאן זיך יא אין גאנץ קאמישע מעשה עס איז געווען אין די סאמע ברען פון די קאראנא מגיפה, עס איז אריינגעקומען א רוף אז מען דארף אריינטראגן אין שפיטאל א פאציענט וואס האט געדארפט האבן א שטיקל פעסידזשער, אבער אויך איז ער נעבען געווען אביסל מיט



די נערוון. זעט אויס אז ער האט זיך געהאט אנגעהערט פון די אלע שווערע שמועות וואס גייט פאר אין שפיטאל, אז מען לייגט דארט אוועק מענטשן רחמנא לצלן, במילא האט ער אפגעמאכט אז ער לאזט נישט דורכגיין די מעדעצינישע באהאנדלונג נאר אויב הצלה שטייט ביי זיין בעט די גאנצע צייט, מיר האבן געזאגט יא יא, אבער נאכן זיין דארט א האלבע שעה האט זיך נאך איינער ארויס געשלייכט און נאך איינער ביז ער איז געבליבן אליין, ווען מיר אלע וואקן צום הצלה טראק צוריק, און ווען מען האט שוין געוואלט אוועקפארן דערזעט מען דעם פאציענט צוריק אנגעטון מיט געהעריגע קליידער זיצענדיג פון אונטן אינעם באס, און ער זאגט אונז אז מ'זאל אים שוין אהיימנעמען, אזוי האבן מיר זיך געטראפן צוריקגעטראגן דעם זעלבן פאציענט...

**עפעס אנווייזונגען וואס איר וואלט געוואלט מיטיילן מיט די ליינער?**

עס זענען דא מענטשן וואס האלטן זיך צוריק פון רופן הצלה ווייל זיי ווילן נישט באדערן זיי ווילן נישט מוטשען, מען דארף וויסן אז א הצלה וואלונטיר גייט מיט א ראדיא אויף זיין פאסיק נישט ווייל עס זאל וועגן אייניג מיט די אנדערע שליסלעך... מען גייט מיט דעם ווייל ער איז גרייט זיך אוועקצורייסן דריי אזייגער ביינאכט אינמיטן א שלאף, ער האט זיך געלערנט אויף דעם און ער איז דא צו העלפן מענטשן, ער פילט זיך גוט דערמיט ארויסצוגיין פון בעט אפילו פאר איינעם וואס "מיינט" נאר אז ער דארף הצלה, מען ברויך זיך קיינמאל נישט פארענטפערן, ווי למשל אויב עס פאסירט שבת וכדומה, און מען דארף זיך נישט שפירן שלעכט צו רופן הצלה אינמיטן די נאכט ווייל אויב דער רופער האלט אז ער דארף רופן הצלה זאל ער זיך פאר קיין רגע נישט צוריקהאלטן ווייל עס איז גאר א שאלה פון פיקוח נפש, וואס אין הלכות שבת הייסט עס "מצב בהול" און מען מעג לכתחילה מחלל שבת זיין.

**צום לעצט, א ווארט פאר די ליינער:**

אז מען פאלגט דעם ראש ישיבה בתמימות ובפשיטות קומט מען אן זייער ווייט אין יעדע ווינקל פון לעבן, צו עס זאל זיין מיט לערנען און דאווענען, צו עס זאל זיין אינעם פריוואטן לעבן וואס מען האט, א ביזנעס, א ווייב מיט קינדער און אזוי ווייטער, אין יעדן הינזיכט איז וויכטיג מען זאל פאלגן ערליכע אידן וויאזוי זיך צו פירן, און נאר אזוי קען מען מצליח זיין. אסאך מאל טראכט א מענטש ביי זיך אז אזא געוויסע זאך וועט זיין גוט פאר אים צו טון, ווי למשל ווערן א הצלה מעמבער אבער דער צדיק איז העכער און ער קען זען אז דאס וועט נישט זיין גוט פאר דיר, במילא איז זייער וויכטיג שטענדיג זיך צו אדורכרעדן פאר מען טוט א שריט אינעם לעבן.

**א גרויסן יישר כח פארן אוועקגעבן פון אייער פארנומענע ערב יום טוב צייט זאל דער אייבערשטער העלפן אז מען זאל זוכה זיין אז כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות אמן.**

טייערע ליינער מיט'ן אייבערשטענס הילף וועלן מיר זיך נאכאמאל אראפזעצן מיט ר' יחזקאל פאר ראש השנה איבערצוגיין די כראנארלאגישע סדר ווי אזוי עס איז געווארן אזוי אהערגעשטעלט און אומאן און די גאנצע היסטאריע.

צום ווידערזען.

טייערע ליינער, מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר זיך נאכאמאל אראפזעצן מיט ר' יחזקאל פאר ראש השנה איבערצוגיין די כראנארלאגישע סדר ווי אזוי עס איז געווארן אזוי שיין אהערגעשטעלט אין אומאן פאר אנשי שלומינו

צום ווידערזען בעזרת השם.

B"H

Shop easily



shop.breslevcenter.com

# פאר די ברסלב'ע שטוב



**ברוכים הבאים לגן עדן משפחת וועבערמאן:**

א רייכע שמועס מיט ל. וועבערמאן תחי' פון די עשרה ראשונים אין קרית ברסלב

56



**פערעלעס קליידער סטאר:**

א ערשטמאליגע שמועס מיט'ן גרינדערין פ. הײלפרין תחי'

76

**ארטיקל:**
נערוון אין פסח

**גראמען:**
נאך א יאר
איז שוין
פארביי
און דא ביים
סדר איך שטיי

קרית ברסלב בלעטל
וואונטשט אלע חשובע משפחות

# א כשר'ן פרייליכן פסח



# ברוכים הבאים לגן עדן

## משפחת וועבערמאן

גאר אן אינהאלטסרייכע שמועס מיט **ל. וועבערמאן**, וואס פארציילט איר איבערלעבעניש פון מופן קיין קרית ברסלב פינף יאר צוריק, ווען עס האט דאן געוואוינט נאר צען משפחות.


ברוכים הבאים לגן עדן
משפחת
וועבערמאן

**שלום עליכם! איך וואלט אייך געוואלט אביסל אויספרעגן איבער אייער היסטאריע. ווי איך ווייס וואוינט איר יעצט אין קרית ברסלב ליבערטי, וואו האט איר געוואוינט פארן זיך אהערציען?**

איך האב געוואוינט אין א קליינע פריוואטע הייזקעלע אין בלומינגראוו, קליין און שיין אבער מיין. ס'איז געווען א זעכציג יעריגע הויז, מיר האבן ווייט נישט באקומען קיין כבוד פארן אפקויפן די הויז, אבער ביי מיין מאן, ביי מיר און מיינע קינדער האט עס געהאט א מורא'דיגע חן - א ווינקעלע אין גלילות פון קרית יואל ממש ווי א תיבה צו לעבן און רעדן צום אייבערשטן.

היינט זענען שוין דא אסאך משפחות וואס ציען זיך ארויס פון קרית יואל צו די גלילות ארום, אבער דעמאלט איז עס געווען א נייע דערהער. משפחה און חבר'טעס און שכנים האב זיך געדארפט ציפן צו מאכן זיכער אז עס איז נישט אינמיטן א חלום ווען זיי האבן געהערט אז איך מוף ארויס.

**וויאזוי טאקע האסטו געקענט באוויזן זיך ארויסצוציען צו א נייע געגנט, ווען עס איז נאכנישט געווען אין סטייל דאס צו טון?**

יעדע טריט איז געווען מיט ישוב הדעת און אסאך אסאך התבודדות. מיר האבן זיך ארייגעלייגט אין די הענט פון אייבערשטן, זיך געבראכן די 'איך', לאזנדיג זיך פירן ווי אזוי ס'איז די ווילן פון אייבערשטן. ס'איז נישט געווען ווי מענטשן האבן עס אנגעקוקט און זיך אויסגעדריקט אז 'דו גייסט אריין אין א וואלד' אדער 'ענק זענען נאך יונג און מען שפרינגט אריין אין ווילדע זאכן און טראכטן'.

עס זענען געווען די וואס האבן עס נאר געטראכט און אנדערע האבן עס געזאגט. באמת האבן מיר געוואוסט אז מיר האבן א צדיק וואס מיר האבן פונקטליך געפרעגט יעדע טריט, דער ראש ישיבה האט אונז שוין געהאט גע'עצה'ט א צייט פאר דעם, צו קויפן א אייגענע הויז, אבער מען האט נישט געטראפן די ריכטיגע דירה אין קרית יואל. שפעטער איז ארויפגעקומען די געדאנק פון קויפן א דירה אין בלומינגראוו, האט מיין מאן געפרעגט דער ראש ישיבה אויב מען זאל דאס טון, מען איז פונקטליך איבערגעגאנגען די איינצלהייטן דערפון, און דער ראש ישיבה האט געגעבן די הסכמה דערויף. פארשטייט זיך אז אלעס איז צוגעגאנגען מיט נוצן די עצה פון התבודדות. בפרט ווען מען דארף זיין שטארק צווישן מענטשן און מען קען זיך נישט לאזן בייגן ווי א שוואכע בלומעלע פון יעדנ'ס הערות, דעמאלט ווערט די התבודדות שטערקער.

פון מיין זייט אלס די ווייב האב איך נישט געדארפט מאכן צופיל אייגענע החלטות נאר שטיצן (סופארטן) מיין מאן און מסכים זיין צו דאס וואס ציט אים צו טון, ווייל אז מען לאזט דער מאן פילן וואס זיין נשמה ציט אים, דעמאלט ווערט די דימאנט אויסגעשליפט און עס הייבט אן צו שיינען. "דו קענסט האבן די שענסטע טייערסטע דימאנט, אויב דו לאזסט עס נישט ארויסקומען פון צווישן די זאמד וועסטו קיינמאל נישט זען ווי שיין עס קען בליטשקען און ווייזן אירע קאלירן".

איך וואלט געקענט מיט אביסל ליצנות געב א בלאז אוועק אזעלכע קוריאזע חלומות פון מיין מאן וואס עפעס א חבר (ר' יואל הכהן) האט אים פארגעשלאגן, צו קויפן א אלטע הויז אינדרויסן פון קרית יואל, אבער אזוי ווי איך האב שוין אסאך געהערט פון דער ראש ישיבה אז 'וואס איז חבר'טעס? דער מאן איז דער איינציגסטער וואס בלייבט מיט דיר' - בין איך מיטגעגאנגען מיט מיין בעסטע ווילן.

ביים סוף האט זיך אויסגעשטעלט אז מיר האבן ברוך השם זייער שטארק הנאה געהאט צו וואוינען דארט.

**זייער שטארק! ווי איך פארשטיי האסטו פאר דעם געוואוינט אין קרית יואל, וואס קענסטו פארציילן מער איבער דעם?**

יא, מיר האבן געוואוינט אין קרית יואל אין א געדינגענע דירה, אין א בנין פון אסאך שכנים ווי איך האב זיך געמאכט גוטע חבר'טעס. זייער אסאך מאל האט מיר געבאדערט פארוואס זיי האבן נישט די לימודים פון ברסלב, אבער אין אלגעמיין האט מען גוט פארברענגט.

**וואס האט דיר למעשה געמאכט טראכטן פון זיך ארויסציען צום שטעטל - קרית ברסלב?**

די עצם זאך פון זיך ארויסציען קיין בלומינגראוו, איז געווען די גרויסע שריט וואס האט אויפגעבראכן די עפענונג צו גיין ווייטער צו די ציל וואס מיר ווילן אנקומען, ווי פיש וואס שווימען קעגן די שטראם.

פון דא און ווייטער איז שוין געווען גרינגער צו טון וואס מיר שפירן פאר ריכטיג, ווייל מיר זענען שוין סייווי אריין אין די קאטעגאריע פון מענטשן וואס טוען וואס זיי האבן צו טון, און נישט לויט וואס 'יעדער' האלט איז 'נארמאל'.

לאמיר דיר אביסל פארציילן פון די לעבן אין אונזער ווארעמע נעסט אין בלומינגראוו. עס איז געווען גוט אויסגעשטעלט צו רעדן צום אייבערשטן, פארברענגען מיט די קינדער און זיי פארציילן פונעם אייבערשטן צווישן די גראז און ביימער.

**אגב, עס זענען געווען נאך משפחות פון היכל הקודש וואס האבן געוואוינט דארט?**

יא, עס האבן זיך אריינגעצויגן נאך אפאר משפחות פון היכל הקודש אין די געגנט לויט די עצה פון דער ראש ישיבה. מען האט אפילו געמאכט א שול און געהאט מנין.

קעגן איבער אונז האט געוואוינט משפחת פריעדמאן, האבן מיר שוין אפילו געהאט גוטע שכנים צו פארברענגען. אין די געגנט ארום האט געוואוינט משפחת ברילל, משפחת וועבערמאן, משפחת טייטלבוים, משפחת מזרחי, און משפחת לעווי וואס האט געעפנט די שול אין זייער בעיסמענט.

איז לאמיר צוענדיגן די שאלה וואס דו האסט מיר פאר דעם געפרעגט, וואס האט מיר געמאכט טראכטן פון זיך אוועקציען, אויב איז אלעס אזוי רוהיג און געשמאק, איז וואו איז דא צו גיין?

דער אמת איז, גייט דען א מענטש

ערגעץ ווייל ער טראכט אז דארט איז גוט? ניין, נאר דער אייבערשטער האט אנגעגרייט פאר א מענטש זיינע מסעות אין לעבן, און נאכדעם גייט אריין אין זיין קאפ א מחשבה אז ער וויל גיין וואוינען דארט. קומט אויס אז פאר יעדן קען איך געבן אן אנדערע תירוץ לויט די פרעגער'ס שכל אז עס זאל אים מאכן סענס לויט זיין פארשטאנד, און אלע ענטפערס וועלן זיין ריכטיג.

איז קען מען זאגן אזוי, די ערשטע קערנדל איז געווען די תפילות פאר מוסדות! ווען מיינע מיידלעך זענען נאך געגאנגען אין די קליינע קלאסן פאר ערשטע קלאס, איז אלעס געגאנגען על מי מנוחות, מען האט זיי אויסגעלערנט די שיינע סדרות, מידות, און אז דער אייבערשטער מאכט אלעס, מיט די גאנצע תמימות ברוך השם.

מיין ווייטאג האט זיך אנגעהויבן ווען איין מיידל איז שוין געגאנגען אין ערשטע קלאס, און איין מיידל אין צווייטע קלאס, און אונטער דעם האב איך געהאט נאך צוויי און אינמיטן די יאר האב איך שוין געהאט נאך איין בעיבי.

לויט די שיעורים פון דער ראש ישיבה האב איך געוואוסט אז קינדער איז א ברכה, און מיין 'פאמיליע פלאן' איז געווען אריינצונעמען די מיידלעך אין די ארבעט, זיי אויסלערנען צו העלפן ווי קליינע מאמע'לעך!

אבער די סקול איז געקומען מיט גאנץ אן אנדערע פלאן, מען שיקט אהיים די קליינע מיידלעך מיט שווערע בריפקעיסעס אויף די פלייצעס. זיי געבן א מורא'דיגע געלעגנהייט פאר די עלטערן זיך צו פארבינדן מיט יעדע קינד פריוואט און טון מיט איר די היימארבעט... אזוי אז די מאמע זאל ווערן ממש א חלק פון די קינד'ס וועלט. מען קען נישט סתם זאגן די עברי פון א צעטל און אונטערשרייבן, נאר עס דארף זיין אזוי קאמפליצירט, אז די מאמע זאל מוזן אפלאזן די נאכטמאל און די בעיבי - אלעס לייגן אין א זייט, כדי צו קענען קאנצענטרירן אויף די זעקס יעריגע מיידל'ס היימארבעט. אויב האט מען א 6 יעריגע מיט א 7 יעריגע, דארף מען שוין אויך לייגן דעם מאן אין א זייט, ער דארף אליין נעמען די נאכטמאל און אליין עסן, ווייל די מאמע דארף זיך אפגעבן מיט יעדע קינד באזונדער. בקיצור מען האט אינגאנצן פארגעסן וואס מען האט געלערנט אין קינדערגארטן, אז מען קען בעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער מאכט אלעס.

ברוך ה' איך האב מיך נישט פארלוירן פון דעם. מיר האבן געבעטן הארציגע תפילות צום אייבערשטן, ער זאל אונז שיקן ריינע הייליגע מוסדות פאר די קינדער. די תפילות זענען לכאורה געווען די קערנדלעך וואס זענען געווארן איינגעפלאנצט צו שלאגן ווארצלען פאר א פלאן צו מופן אין שטעטל.

אזויוי פריער געשמועסט איז די ארויסמופן פון קרית יואל צו בלומינגראוו געווען די הויפט גרויסע שריט זיך אויסצושרייבן פון 'טון וואס יעדער טוט'. עס איז געווען ווי זיך אריינזעצן אין אונזער פריוואטע רייזע שיף און לאזן דעם אייבערשטן אונז פירן אויף א נסיעה, און אינמיטן זעט מען שיינע הערליכע פאנאראמען, פאלאצן און נאך.

צוליב דעם ווען מען האט אנגעהויבן רעדן פון קויפן לאט'ס אין שטעטל, איז עס געווען נישט מער ווי עפעס אינטערעסאנטע נייעס צו זען ווי דער אייבערשטער וועט מיר אויסשטעלן מיין לעבן, אזוי ווי די שיינע פאנאראמען אין די נסיעה פון מיין לעבן. איך דארף נאר וויסן איין זאך, איך זאל צוגיין צו יעדע זאך מיט הכנעה, זיך אויסלערנען צו בייגן - און

די דירה אין קרית יואל אויף צפת גאס



די דירה אין בלומינגראוו



נישט זיך עקש'נען מיט מיין אייגענע 'איך' - וועט מיר אלעס גיין גרינג און זיס.

**זייער אינטערעסאנט צו הערן! ווילאנג איז געווען פון ווען דו האסט געטראכט פון מופן ביז דו האסט למעשה זיך אריבערגעצויגן?**

לויט וויפל איך ווייס (מער קלארע דעטאלן איבער דעם, קען מען זען אינעם בלעטל פון סוכות תשפ"ג) האט מען בערך זיבן א האלב יאר צוריק - ווינטער תשע"ו, אנגעהויבן בכלל רעדן פון בויען א שטעטל אין ליבערטי. מער ווי א יאר שפעטער - זומער תשע"ז איז מו"ה שבתי מזרחי הי"ו אריינגעשפרינגען און אפגעקויפט אסאך לאטס אן דעם וואס ער האט בכלל געוואוסט אויב עס וועט זיך אויסארבעטן!!!

אלעס איז געגאנגען צוביסלעך צו זעהן וויאזוי דער אייבערשטער פירט און זעהן אויב זאכן ארבעטן זיך טאקע אויס. עס איז געווען הייסע דיסקוסיעס צווישן אנשי שלומינו, רוב האבן געהאלטן אז עס קען זיך נישט אויסארבעטן, דערווייל האט ר' יואל הכהן מיט ר' שבתי מזרחי נרו יאיר געארבעט שווער צו מאכן דעם ראש ישיבה'ס רצון פאר א פאקט.

עס איז געווען פינף יאר צוריק - תשע"ט פאר פסח, ווען מיין מאן האט איינגעצאלט צו קויפן א לאט, עס איז געווען בערך דריי יאר פון ווען מיר האבן אפגעקויפט אונזער הויז אין בלומינגראוו. אינטרעסאנט איז געווען אז מענטשן האבן אונז געהאלטן אין איין געבן עצות וואס מיר קענען אלס ארומטוישן און צובויען צו די הויז אין בלומינגראוו, למעשה נאכן מאכן התבודדות יעדע מאל, האט דער אייבערשטער אונז געשיינט צו הנאה האבן פון די הויז פונקט ווי אזוי עס איז, אן צו אינוועסטן סיי וואס.

בערך א יאר נאכן מופן צו בלומינגראוו, ווען מען האט אנגעהויבן רעדן פון א שטעטל האבן מיר געטראכט ווער ווייסט? אפשר וועלן מיר נאך אנקומען אין די נייע שטעטל און וועגן דעם האט דער אייבערשטער אונז געפירט גארנישט צו אינוועסטירן אין אונזער קליינע הויז??

כדי די ברכה זאל זיך האלטן האבן מיר געקויפט די שטיקל שטח בשתיקה אן פארציילן פאר מענטשן. צו מיר האט עס אויך נישט צופיל related, כאילו מען רעדט פון א צווייטן נישט פון מיר. אבער איין זאך האב איך געוואוסט, אז אויב מופן צו די בערג וועט באמת מיינען מיר, מוז איך ערנסט מאכן תפילות צום אייבערשטן פאר א גוטע לאט. דערווייל איז אלעס וועלדער מיט אפאר שמאלע ראודס אינצווישן. נאר גיי ווייס וועלכע געגנט וועט זיין די גוטע.

פארן קויפן די שטיקל שטח זענען מיר געגאנגען קוקן אפאר עקזיסטירנדע הייזער פון גוים. איך האב באמת נישט געוואלט אליין בויען א הויז, ווייל לויט ווי איך הער פון מענטשן וואס בויען אליין, זעהט מיר אויס אז מיין מח וועט ווערן איין שטיק הויז... איך וואלט אזוי הנאה געהאט צו קענען אליין אויסשטעלן און אויסוועלן, אבער איך האב מורא אז איך וועל נישט קענען מסיח דעת זיין פון דעם, און איך דארף נאך האבן פלאץ צו טראכטן פונעם אייבערשטן און פון מיין משפחה'לע.

צום סוף האט דער אייבערשטער יא געפירט צו בויען א אייגענע הויז. איך האב געהאט א גוטע פארהער אויף מיינע

מידות און סבלנות, צו אויספלאנען יעדע זאך און נאכדעם מוותר זיין אויף אלע זאכן וואס גייען פארקערט פון די פלאן. ברוך השם אז מיר האבן געהאלטן די עיקר פאקוס פאר די אויגן אז מיר ווילן וואס דער אייבערשטער וויל, און מיר זענען דא צו העלפן בויען, און נישט 'איך' זאל האבן אלעס, און פאר 'מיר' זאל מען אלעס צושטעלן. עס איז געווען א גוטע נסיון ביי יעדע דעטאל נאכאמאל, אבער ברוך ה' מיט אסאך תפלה האט מען עס געמאכט. "איך מיין אז די וואס האבן שוין געמופט צום שטעטל וועלן פארשטיין פון וואס איך רעד - אז דא קען מען נאר אנקומען אויב מען וויל פשוט לעבן מיטן אייבערשטן און נישט פאר קיין אנדערע סיבה".

אנגעהויבן ביי די אויסשטעל - איך האב זייער געוואלט אויסשטעלן א פלאן לויט מיין געשמאק, אבער מען האט מיר געגעבן אפאר פארטיגע דעזיינס איך זאל אויסוועלן איינס, און פון דעם קען איך אביסל ארומטוישן. וויסנדיג אז איך בין דא צו בויען א שטעטל האב איך זיך צוגעשטעלט, נאכן נעמען איין פלאן און מאכן פונקטליכע טוישונגען און פארקנייטשן די שטערן צו טראכטן וואס לוינט יא און וואס נישט, האט מען מען מיר געזאגט: "ניין, מען גייט מאכן א נייע פלאן ...".

איך האב געוואלט אויסשטעלן לויט מיין וועג פון טראכטן, איך האב ארומגערופן שוועסטער'ס און שוועגערינ'ס צו פרעגן עצות וואס זיי האבן אין זייער הויז. איך האב זיי געזאגט אז מיין מאן בויעט עפעס א הויז פאר אינוועסטמענט און איך וויל אים נאר ארויסהעלפן...

בשעת'ן אויסארבעטן די אלע פלענער איז אויסגעקומען צו מיטהאלטן פון דער נאנט ווי ר' שבתי מזרחי און אנדערע וואס העלפן ארויס דעם ראש ישיבה, זענען גרייט אוועקצוגעבן פון זיך אלעס, האב איך זיך שוין געקענט שעמען צו טראכטן נאר פון איך, זיך, און מיך. אבער איין זאך קען איך יא בעטן אז דער אייבערשטער זאל מיר סתם געבן א הויז וואס זאל זיין פראקטיש און גוט, צו קענען האבן אסאך קינדער און אויך נעמען אסאך געסט. אז איך בעט די זאכן איז עס שוין נישט פאר מיר אליין, נאר פשוט צו קענען דינען דעם אייבערשטן. אז מען גייט אויף די מהלך דארף מען זיך נישט שעמען צו בעטן. די אלע זאכן וואס איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אויף דעם וועג, האט טאקע דער אייבערשטער געהאלפן און מיר געגעבן פונקטליך וואס איז גוט פאר מיר. אבער ווען איך האב אנגעהויבן פארן אויף די פארקערטע ריכטונג, איך האב געוואלט טון צופיל השתדלות, האב איך אנגעהויבן צו שטופן א וואנט און געזען 'איין מינוט איך דארף אויסדרייען די רעדל און נעמען א אנדערע וועג פון שיין בעטן דעם אייבערשטן'.

ווי פריער געשמועסט האבן מיר איינגעצאלט פאר די לאט פאר פסח תשע"ט. חול המועד פסח האט מען אפגעשטאט א היסטארישע באזוך אין א שטעטל וואו קיינער וואוינט נישט. יעצט לאמיר זען וואו איז חל די שטעטל? מיר זענען ארויס פון די קאר אנהייב האשקי גאס, דארט וואו עס איז היינט אינדיג'ס הויז, וואס זיי האבן שוין געהאט אפגעקויפט. מיר האבן אנגעהויבן ארויף שפאצירן מיט די גאנצע משפחה צווישן וואלד, וואלד, און נאכאמאל וואלד און ביימער. איינער ווייסט פארוואס דא ווערט גערופן שטעטל???

מיר האבן אריבערשפאצירט אונזער לאט וואס איז געווען א ריזיגע שטח פון גראז, מיר האבן זיך ווייטער ארויפגעשלעפט די בארג ביז מען איז אנגעקומען צו משפחת שטראססער, מען זעט שוין עפעס א הויז! משפחת שטראססער איז אויך געקומען פאר א חול

חול המועד פסח אין שטעטל תשס"ט



המועד טריפ צו זען זייער נייע נארוואס אפגעקויפטע הויז. די שמחה איז געווען גרויס צו טרעפן לעבעדיגע מענטשן אין 'שטעטל' כאטש מיר האבן זיך כמעט נישט געקענט פון פריער.

משפחת שטראססער האט אונז געטיילט בעיבי פינגערס - פסח'דיגע קוקיס. מען האט זיך דארט צאמגענומען נאך אפאר אינגעלייט און בחורים, ביז מען האט געהאט צען מענטשן צו מאכן די ערשטע מנין מנחה אין שטעטל! מען האט געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די וואונדערליכע חסדים פון ביז יעצט, ארויסקוקנדיג אויף ווייטערדיגע סופרייזעס וואס דער אייבערשטער גרייט אונז אן.

נאך שבועות בערך צוויי דריי חדשים נאכן קויפן די לאט האט מען אנגעהויבן גראבן, אבער ס'נאך געווען א סוד. דערוויל זענען שוין געווען די פאר ערשטע משפחות וואס האבן געקויפט הייזער און לאט'ס. אן עקזיסטירנדיגע הויז, א הויז וואס שטייט שוין, גייט געווענטליך אסאך שנעלער פון ווען מען קויפט עס אפ, ביז מען קען זיך אריינציען. נאך שבועות האט זיך אריינגעצויגן משפחת וויינבערג, נאכדעם משפחת שטראססער און משפחת היילפרין, און נאכדעם נאך אפאר משפחות.

עס איז געווארן די זומער וואכן ווען דער עולם קומט ארויף צו די בערג. דעמאלט איז געווארן מער ווירבלנדיג ארום די שטעטל, די נושא פון שטעטל איז געווארן מער קאכעדיג, די מיידל קעמפ נעבן שטעטל איז געווארן אנגעפולט, דער ראש ישיבה מיט די בחורים און משפחות זענען געווען ביי לעפקאוויטש'ס קאנטרי וואס איז נישט ווייט צו פארן צום שטעטל.

דער ראש ישיבה מיט די בחורים בשעת'ן בויען אונזער דירה - זומער תשס"ט



אינמיטן זומער האט דער ראש ישיבה געמאכט א טריפ מיט די בחורים פון קעמפ. זיי האבן ארויפשפאצירט אויבן אויפן בארג פון אונזער לאט, וואו מען האט שוין געהאט געגראבן, גרייט צו גיסן די פונדאמענט.

דער ראש ישיבה האט געוויזן אז דא בויעט מען א הויז פאר אברהם הערש וועבערמאן און קעגן איבער די גאס בויעט מען נאך דריי הייזער, וואס איינס וועט זיין פאר דער ראש ישיבה! ווען איך האב נאכגעהערט וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט האב איך געהאט דריי סופרייזעס: איינס - איך מוז אנהייב גלויבן אז עס איז טאקע פאר מיר, צוויי - אז איך מעג שוין אנהייבן אויסזאגן פאר אנשי שלומינו (אבער פאר מיין משפחה האב איך נאך גארנישט געזאגט), דריי - אז דער ראש ישיבה גייט האבן א הויז אין שטעטל, און נישט מער און נישט ווייניגער עס וועט זיין נאנט צו מיין הויז.

דערוויל... צייט גייט אריבער און עס מאכט זיך גארנישט קיין פלאץ פאר אונז...

אן אינטערעסאנטע זאך - משפחת יאקאבאוויטש וואס איך קען זיי נישט האט אפגעקויפט א הויז אויף דענמאן גאס ס'איז שוין אלעס גרייט זיך אריינצוציען. עס איז שוין אפילו געווען א קליניג קאמפאני אלעס צו מאכן ריין, און זיי לאזן אונז באנייען די הויז אויף שבת. עס איז מיר געווען א חידוש. אזעלכע גוטע מענטשן זיי געבן אוועק זייער אייגענע הויז וואס זיי האבן געמאכט גרייט פאר זיך און געצאלט געלט פאר א קאמפאני צו קלינען. נו, אז מען געבט נעמט מען! מיר האבן צאמגעפאקט אלע עסן אויף שבת מיט קליידער פאר א גאנצע וואך. נאך וואס אלע קינדער זענען געזעצן אין די מיני' ווען האט מען אריינגעשטופט נאך און נאך טויס אין יעדע לאך וויפיל עס גייט. מען קען נישט וויסן, אפשר מופן

בשעת'ן בויען די דירה



אונז יעצט אין שטעטל? אבער אפשר נישט? אפשר איז עס נאר אויף שבת?

פרייטאג נאכמיטאג... מען קומט אן צו אן אנגענעמע שיינע ריינע דירה... עס האט צוויי בעטן פאר טאטע מאמע, א קאוטש מיט א טיש. די קינדער האבן אנגעהויבן ארומלויפן און הנאה האבן (אינדזשויען) אין די שטעטל! אבער ווען זיי האבן געכאפט אז זיי ווען שלאפן אויף די פלאר מיט א דאכענע, איז אביסל פארלוירן געווארן די שמחה. האב איך זיי אויסגעלערנט די ערשטע געזעץ אין שטעטל אז אויב מען וויל עפעס בעט מען דעם אייבערשטן, און .. א מעשה פון תפילה! פארן זמן, נאכן אויספאקן אונזערע אלע אוצרות פון קאר, קומט אן די זעלבע משפחת יאקאבאוויטש מיט א קאר אנגעפילט מיט מאטראצן און בענקלער! ווער זענען די וואונדערליכע מענטשן וואס זארגן פאר מיר מער ווי פאר זיך אליין?

די שול איז געווען אין שטראסער'ס הויז, אפשר א האלבע שעה צו גיין צופיס. שבת צופרי האב איך געוואלט זען מענטשן פון שטעטל. ווען איך האב שפאצירט די וועג צום שול האב איך זיך אנגעטראפן מיט אפאר שטעטל פרויען, זיצנדיג אונטערן בוים דארט ביי דענמאן, דארט וואו משפחת שניצלער האבן געהאט אפגעקויפט א לאט פון דריי דירות, און דארט האבן געוואוינט דריי אנדערע משפחות, עס האט אויסגעקוקט ווי א חלום.

בקיצור עס איז געווען א שבת צו געדענקען!

אפילו מען האט כמעט גארנישט געזען אויסער גראז און ביימער, אבער די לופט אין שטעטל האט זיך געשפירט עפעס אזוי גוט אז ס'האט זיך נישט געוואלט אהיימגיין, די קינדער האבן נאר געוואלט בלייבן.

למעשה נאך שבת האט שוין משפחת יאקאבאוויטש געדארפט זייער דירה. מיר האבן געזען אז ניין! עס איז נאכנישט אונזער צייט צו בלייבן וואוינען אין שטעטל. מען פאקט אלעס צאם און מ'פארט... צוריק קיין בלומינגראוו.

נאך אפאר וואכן ווען קעמפ און קאנטרי איז געענדיגט, די זומער געסט ציען זיך צוריק צו די שטאט, און די באנגאלאס זענען געווארן ליידיג, האט מען אונז אנגעטראגן א המצעה אז מיר קענען ניצן א באנגעלאו אין די מיידל קעמפ.

געגאנגען, מיר האבן געציילטע טעג זיך צו גרייטן. דא איז שוין די געפילן צומישט, פון איין זייט האב איך נאך גארנישט געמאלדן פאר די משפחה און עלטערן, פשוט ווייל איך האב אליין נישט געוואוסט וואס, ווען, וואו. וואס קען איך זאגן? אז איך גיי? איך גיי וואו? פון די אנדערע זייט האב איך אויסגעשריבן די קינדער פון די מוסדות, אבער אין וועלכע מוסדות פלאן איך צו שיקן? וואו פלאן איך צו וואוינען?

די צוויי חדשים'דיגע קעמפ סעזאן איז געענדיגט, אלע קויפן אריין פאר די קומענדיגע לערן יאר, די געשעפטן זענען איבערגעפילט מיט טויזענטער משפחות מיט קינדער, מען מאכט זיך גרייט מיט שולע געצייג, נייע סקול שיך און אפילו די קליידער געשעפטן ווירבלען מיט מאמעס און מיידלעך. איך האב געהאט א ספעציעלע גוטע געפיל, אז איך בין

אינדרויסן פון די גאנצע זאך, איך בין אין די הענט פון אייבערשטן, 'איך ווייס גארנישט איך ווייס נאר איין זאך, אז איך ווייס גארנישט, און דער אייבערשטער ווייסט אלעס'.

אזוי ווי איך האב געהאט פיר מיידלעך וואס האבן נישט קיין סקול, בין איך שוין ארויס מיט זיי אביסל נאר צו כאפן א בליק אויף די וועלט, און לאכן פון זיך אליין ווי מיר האבן זיך אינגאנצן אויסגעשלאסן.

דאנערשטאג האבן די באסעס פון אלע מוסדות אנגעהויבן צו קורסירן די גאסן מיט א פעסטקייט, די מיידלעך פון די שכנים זענען געשטאנען גרייט מיט אלע צוגעהערן אין די שול טאש און מיט גלאנציגע שיך, איך בין געשטאנען ביי די פענסטער מיט מיינע קינדער און מיר האבן געלאכט פון די גאנצע וועלט. נאר איין זאך האב איך געציטערט, עס זאל נישט אויסקומען אז איינער זאל פרעגן קושיות פון די קינדער און מען וועט אויסגעפונען אז זיי הייבן נישט אן די סקול יאר, וואס וועל איך ענטפערן?

פרייטאג האב איך זיך צאמגעפאקט מיט אלע עסן און קליידער אבער נאר אויף איין שבת. מיין מח האט נישט געקענט טראכטן מער פון דעם.

מיר קומען אן אין מיידל קעמפ, עס זענען געווען עטליכע מניעות דא און דארט, אבער ברוך ה' מיר זענען אנגעקומען. עס איז געווען ממש פאר'ן זמן, עס איז געווען דריי באנגאלאס וואס איז ראוי צו ניצן אין די ווינטער, איינס איז געווען וואס משפחת טייטלבוים האט גענומען, זיי זענען אויך אנגעקומען פרייטאג. די צווייטע איז משפחת מזרחי געקומען, אבער נאר אויף שבת, און ביים דריטן זענען מיר ווי דער ראש ישיבה שטייט דארט מיט נאך אינגעלייט צו באטראכטן אויב די פלאץ קען מען נוצן פאר א חדר.

פאר אונז איז געווארן אביסל א צומישעניש, וואו דארפן מיר זיך מסדר זיין? עס איז שוין כמעט שבת, מיט אלע קינדער, מיט אלע זאכן. למעשה האט משפחת מזרחי צאמגענומען אלע זייערע זאכן וואס איז שוין געווען מסודר'דיג אויסגעפאקט און גרייט, זיי זענען געגאנגען איינשטיין ביי משפחת וויינבערג וואס האט דעמאלטס געוואוינט אויף גארדן האוס און זיי האבן אונז איבערגעגעבן די באנגעלאו מיטן גאנצן הארץ.

בקיצור צו די ווילסט צו נישט, איך האב געלאנדעט אין שטעטל, צו אלעס גייט גראד, צו אלעס גייט שיף, מאכט נישט אויס, איך בין דא אין קרית ברסלב!

**הייסט אז דאס איז געווען דיין ערשטע דירה פאר די ערשטע שטיק צייט?**

צו מען קען עס רופן דירה ווייס איך נישט, פאקט איז געווען אז איך בין געשלאפן אין די פיצעלע באנגעלאו אין מיידל קעמפ, מיט א משפחה'לע מיט פינעף קינדער ברוך ה', וואס האט זיך אינצווישן אויסגעברייטערט צו זעקס קינדער בלע"ה, איך בין געווען דארט ביז ערב פסח - א האלבע יאר.

**אויב מען קען איבערגעבן פון יענע ערשטע יאר אין שטעטל, די דירה, חדר און סקול.**

מען האט קודם גענומען איין טאג אויף א מאל, די ערשטע שבת האט זיך געשפירט

חנוכה תש"פ אינעם באנגעלאו



ווי א פרייליכע שבת אין קאנטרי, מיר האבן געהאט די בעסטע שכנים - משפחת טייטלבוים. די קינדער האבן הנאה געהאט ארומצולויפן אויף די גרויסע שיינע פעלד. און איך האב גארנישט געהאט צו טון מער ווי זיצן צווישן די גראז און זאגן תהילים, און דאנקן דעם אייבערשטן. מיין מאן האט שפאצירט בערך א דריי פערטל שעה צווישן דיביימער אנצוקומען צו שטראסער'ס הויז - צום שול, איז אויסגעקומען אז ער האט געהאט אסאך צייט צו רעדן צום אייבערשטן, אבער ווייניג צייט איז ער געווען אינדערהיים.

קומט מוצאי שבת וואס טוט מען ווייטער? מארגן דארף מען אנהייבן סקול, ווי איז דא א סקול? דער ראש ישיבה איז געווען יענעם שבת אין שטעטל. מוצאי שבת איז פארגעקומען א מלוה מלכה ביי משפחת היילפרין - דארט איז דער ראש ישיבה איינגעשטאנען שבת, דער ראש ישיבה האט זיך דעמאלט אנגערופן "אפשר מאכט מען די סקול דא אונטן אין בעיסמענט?" משפחת היילפרין האט געהאט א רויע בעיסמענט גארנישט אויפגעבויעט, אויסער Insulation מיט Concrete.

עס וועט זיין צוויי קלאסן א קינדערגארטן מיט א ערשטע קלאס. די קינדערגארטן לערערין וועט זיין מרת מ. שניצלער וואס האט שוין געוואוינט אין שטעטל, אין בעיסמענט פון משפחת מזרחי. און די ערשטע קלאס לערערין וועט זיין די גרויסע טאכטער פון משפחת שטראססער.

זונטאג אינדערפרי: מען פארט צו קרית יואל, מיר האבן דא א גרויסע אויפגאבע, מיר דארפן יעצט מבשר זיין די נייעס פאר ביידע עלטערן אז מיר האבן זיך אריבערגעצויגן צו עפעס א נייע שטעטל. אויפן וועג האבן אונז זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן גוט אויפנעמען די נייעס און נישט זיין באזארגט. קודם זענען אונז אריבער צו מיין מאנ'ס עלטערן, מען האט געשמועסט פון אלע שיינע זאכן, ביז מען איז צוגעקומען צו פארציילן אז מיר האבן זיך אריבערגעצויגן.

נאכדעם זענען מיר אריבער צו מיינע עלטערן און געשמועסט פון אלע נייעס,


בס"ד ד' וישלח התשע"ט

לכבוד מיין טייערע אברה'מל

איך האב ערהאלטן די נייעס פון די [illegible] וואס קומען צום שיעור גמרא יעדע נאכט, און פרט מיר זייער אז איר זענט זיך מחזק מיטן [illegible],

איך ווארט שוין צו הערן אז דו האסט געקויפט א דירה אין דעם פלאץ ווי מיר מיינ'ען קווען א שטעטל על שם רבינו "ברסלב'ער קריה", ווי מיר וועלן קענען לעבן א לעבן מיטן רבי'ן, מחנך זיין אונזערע קינדער מיטן רבי'ן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען ארויס ברענגען דעם רבי'נס זיסע עצות אין די וועלט, ווער האט געקענט טראכטן פאר צען יאר צוריק וואס פאר א מהפכה די ישובה וועט מאכן אויף דער וועלט, ווי פיל [illegible] טויזנטער מענטשן וועלן לעבן אויף די חיזוקים פון ישובה דאס איז נאך גארנישט וואס וועט זיין מיר האפן נאך קומט אנהייך, דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען פאלגן אונזער צוואה ומפרס מן המפרסם הסט אונז [illegible] הדפסה, והצלחה, ושלום בן [illegible] —

[illegible]

ביז מען איז אנגעקומען צו פארעפנטליכן די גרויסע נייעס אז מיר האבן זיך אריבערגעצויגן קיין ליבערטי... פאר ביידע פון אונזערע עלטערן איז עס געווען א שאק, אבער די תפילות האבן ב"ה געהאלפן, זיי האבן עס גוט אויפגענומען און אנגעוואונטשן זייערע ברכות.

דא איז מיר געווארן אסאך גרינגער אז איך בין פטור געווארן פון סודות, יעדער מעג שוין וויסן און ס'איז שוין א קלארע פאקט.

מיר זענען צוריקגעגאנגען צו אונזער בלומינגראוו הויז נעמען זאכן פאר נאך א וואך אין די באנגעלאו, מען האט אריינגעשטופט וואס ס'איז אריין אין די קאר. נאכדעם האט מען גערדארפט גיין קויפן יוניפורם קליידער וואס איז געווען ביי מיר א נייע זאך וואס איך האט געהערט פון די אנדערע שטעטל משפחות, אז אין די נייע סקול גייט מען גיין מיט א 'יוניפורם'.

וועגן די חדר האב איך נישט מיטגעהאלטן צופיל, ווייל איך האב געהאט נאר מיידלעך, אבער אזויפיל האב איך געוואוסט אז די אינגלעך לערנען ביי שטראסער'ס בעיסמענט וואס טוישט זיך כסדר, קודם איז עס א בית המדרש

די חדר אין שטעטל ביי שטראסער'ס בעיסמענט - שנת תש"פ



נאכדעם א חדר, נאכדעם צוריק א בית המדרש...

נו, לאמיר יעצט ווייטער גיין צו מאנטאג. אויב געדענק איך גוט איז מאנטאג טאקע שוין געווען די ערשטע טאג סקול.

די ערשטע טאג האט המלמד ר' הערשל שניצלער נרו יאיר אויפגעפיקט די קינדער מיט זיין קאר צו די בעיסמענט פון היילפרין. מיין צווייטע און דריטע קלאס מיידלעך זענען געגאנגען אין די ערשטע קלאס וואס איז באשטאנען פון פינף מיידלעך, מיין דריי יעריגע און פינף יעריגע זענען געגאנגען אין די קינדערגארטן קלאס, א קלאס פון זיבן מיידלעך. די קינדער זענען געווען פריילעך אויף די העכסטע פארנעם. אבער פאר די טיטשער'ס ווייס איך נישט ווי גרינג ס'איז געווען, זיי האבן זיך מן הסתם גוט געפלאגט צו קענען לערנען עפעס, אפילו זיי צו מאכן איינזיצן איז מן הסתם געווען גאנץ שווער.

נאכדעם פלעגט ר' אהרן לונגער נרו יאיר (נאך דאן א בחור) דרייוון די מיני ווען פאר די קינדער. ער איז געווען דא צו העלפן די שטעטל מיט יעדע גרויסע און קליינע זאך.

מיט די צייט האט מען אביסל מסדר געווען היילפרינ'ס בעיסמענט. מען האט געבויעט פראוויזארישע ווענט עס זאל ווערן דריי צימערן. צוויי האט מען גענוצט פאר די קלאסן און די דריטע פאר די אפיס וואס האט געדינט פאר עטליכע צוועקן, איינס פון די צוועקן איז אויך געווען די באזאר וואס איז געווארן פול מיט פעקלעך קליידער. עס האט אויך געהאט איין גרעסערע פלאץ אינמיטן וואס איז געווען די "זאל" פאר די וועכנטליכע פרויען צאמקום. די צאמקומען האט געהאט אלע טעמים, יעדער האט זיך געשפירט ווי שוועסטערס, מען האט געמאכט א רינג און זיך אויסגעלערנט צו פארציילן מעשיות פון תפילה, וויאזוי מען גייט אדורך דעם טאג מיטן אייבערשטן.

איך בין געווען די עלעווו'טע משפחה אין שטעטל, סוף ווינטער איז שוין געווען אכצן משפחות. ב"ה יעדער האט זיך זייער ליב געהאט. דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך ווייטער ליב האבן, דער ראש ישיבה זאגט אז נאר אזוי וועט די שטעטל ווייטער קענען וואקסן.

## האסט אמאל געהאט א מחשבה פון חרטה פארן מופן אין שטעטל?

איך האב ברוך השם קיינמאל נישט חרטה געהאט פארן מופן, איך האב אלעמאל געקוקט אויף פאראויס, איך וויל גיין ווייטער צו די וועג וואס דער אייבערשטער האט מיר אנגעגרייט. אבער אפילו איך האב נישט געוואלט גיין אויף צוריק איז אבער געווען שווערקייטן וואס האט זיך געשפירט ווי א שיף וואס ווארפט זיך פון א שטורעם אינמיטן ים און מען שרייט "רבונו של עולם וואס דארף איך יעצט טון?"

אויף ראש השנה ווען די מענער זענען געפארן צום הייליגן רבי'ן אויף אומאן, בין איך געווען אין קרית יואל. ערשטע טעג סוכות זענען מיר געגאנגען קיין בלומינגראוו, דארט האבן מיר געהאט א פלאץ צו מאכן א סוכה און ס'איז זייער שיין געווען.

אלע ימים טובים זענען געלויבט דער אייבערשטער געווען הערליך שיין. אויף שמחת תורה זענען אונז געווען צוריק אין שטעטל ווי מען האט שפאצירט צום שול מיט אלע קינדער מיטהאלטן אלע הקפות, די וועג האט גענומען בערך א שעה. ביינאכט איז געווען שטאק פינסטער, מען האט צוגעמאכט די אויגן און דערנאך צוריק געעפענט, האט מען דאן געזען אביסל ליכטיגקייט פון די לבנה. אבער ווען מען איז אנגעקומען צו די שול אין שטראסער'ס בעיסמענט איז געווען א שטארקע ליכטיגקייט, די פראוויזארישע שול מיט א ווייסע פלעסטיק טישטעך פאר א מחיצה האט געהאט א ספעציעלע ליכטיגקייט. מיט שטראסער'ס בחור און ר' אהרן לונגער איז געווען פונקט א מנין, ס'איז געווען באמת א תענוג. דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט און עס איז געווען גאנץ ווארעמע וועטער'ס,

די שפאצירן אהין און צוריק זענען געווען מעין עולם הבא.

נאך ימים טובים, עס הייבט אן צו ווערן קאלט און איך טרעף זיך אין א פיצי באנגעלאו, ווי די פענסטער׳ס קענען זיך כמעט צומאכן, מיין מאן איז זייער ווייניג אינדערהיים, ווייל ער דארף ארויספארן קיין קרית יואל צו די ארבעט און פאַרן אהיימקומען דארף ער ערלעדיגן אלעס און צוביסלעך ברענגען נאך זאכן פון די אלטע הויז.

איין טאג זאגט מיר מיין מאן אז מען גייט פארדינגען אונזער הויז אין בלומינגראוו, אזויווי מיר האבן נישט געטראפן א אידישער טענענט - ווייל יענע געגענט איז נאכנישט געווען דעמאלט אזוי באוואוינט מיט אידן - וועט מען מוזן אריינלייגן א גוי׳שע טענענט.

קומענדיגע זונטאג האט מען געמאכט א טריפ צו די אלטע הויז, צו צאמפאקן אלע חפצים אין באקסעס. איין פראבלעם האב איך, דער דאקטער האט מיר געזאגט אז איך מוז זייער אכטונג געבן נישט צו אויפהייבן שווערע זאכן, און איך זאל זיך נישט אנשטרענגען!

די סצענע האט אויסגעזען אזוי... איך קום אן אין די הויז, קומט מיר אנטקעגן א שווערע גערוך, איך געב א קוק און איך זעה אין די גאנצע הויז ליגט אראפגעלייגט גרויסע שווארצע מיסט זעקלעך!

אין די סטארידזש קלאזעט האט מען געמאכט קאנסטראקשן ארויסרוקנדיג מיינע אלע זאכן, און איבערלאזנדיג אלעס פארשטויבט, שמוציג און צאמגעווארפן, מיין מאן האט געמוזט גיין ארבעטן, בין איך געבליבן אליין מיט אפאר קליינע קינדער ווען איך דארף צאמפאקן א גאנצע הויז פון זאכן און איך מעג נישט שלעפן. די גרויסע שווארצע אנגעלייגטע זעקלעך איז געווען די אוצרות פון די נייע גוי׳שע טענענט, וואס האט זיך באקוועם געמאכט פאר די צייט, און דאס האט געמאכט די שווערע גערוך. אויך האב איך געטראפן דארט עקלדיגע טריפה׳נע טעפ - שמוציג פון טריפה׳נע עסן, ליגן אויף ׳מיין׳ גאז רענדזש.

איך טרעף מיך שטיין אליין און ס׳איז מיר באמת שווארץ געווארן פאר די אויגן. עס איז מיר געווען אזוי שווארץ אז איך האב גארנישט געקענט בעטן דעם אייבערשטן, איך בין געווען פארלוירן, אזויווי אליפז האט בא׳גנב׳ט יעקב אבינו. יעדע זאך וואס יעקב האט נאר געהאט האט ער בארויבט ביז ער איז געבליבן ווי א מענטש וואס איז נישט צווישן די לעבעדיגע.

מיין בעט האב איך נאך געטראפן, האב איך זיך געגעבן א לייג אראפ אן קיין טראפ מוט אדער כח. די קינדער זענען געבליבן דערשראקן און באזארגט, קוקנדיג אויף זייערע אלע שפילצייגן וואס זענען אויסגעמישט און צאמגעווארפן.

צופיל ברירות האב איך נישט געהאט. איך האב זיך געמוזט צאמנעמען ארויסצוקומען פון בעט און טון וואס איך קען. מען האט צוביסלעך צאמגעפאקט איין באקס נאכן צווייטן ווען איך פרוביר די קינדער זאלן העלפן שלעפן און אויפהייבן זאכן.

פאר מיר איז די גאנצע טראומע געווען ׳די שווערסטע חלק פון זיך אריבערציען צום שטעטל׳.

דער ראש ישיבה לערנט פאר דעם דף אין שול נאך זומער תשע״ט



זעט אויס אז צו געהערן צו אזא הייליגע פאלץ, האב איך נאך געדארפט ברעכן די געפיל פון 'איך האב עפעס'. אפילו איך בין געווען גרייט צו גיין ווי דער אייבערשטער פירט מיר, האט דער אייבערשטער מיר געדארפט אויסלערנען אז פאר איך גיי אריין אין גן עדן ווי איך וועל באקומען אסאך גוטע זאכן, זאל איך וויסן זיך צו פירן מיט הכנעה, אז אלעס קומט פונעם אייבערשטן און אז אלעס וואס איך באקום איז נאר צו דינען מיט דעם דעם אייבערשטן. איך זאל חס ושלום נישט אנהייבן טראכטן איין טאג אז וואס איך האב און ווי איך בין איז ווייל איך בין געלונגען אדער ווייל איך קען, ניין נאר דער אייבערשטער מיט זיין גרויס רחמנות געבט ער מיר א מתנת חינם. ער וויל מיר טיילן אומזיסטע מתנות אבער עס איז גאר טייערע מתנות, איך דארף זען מיט דעם צו טון נאר גוטע זאכן און אויך העלפן אנדערע מיט דעם, מען קען נישט נאר האלטן פאר זיך.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין שטעטל בין איך נאך געווען גאנץ צומישט, וואס וויל דער אייבערשטער איך זאל יעצט טון???

איך האב געפילט ווי אין א פארנעפלטע וועג וואס מען ווייסט אליין נישט צו מען גייט גוט אדער נישט.

וואס טו איך דא?

וואס איז מיין ציל פון זיין דא?

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך, אבער איך האב געפילט שמאל, איינער הערט מיר אויס? איינער ווייסט אז איך בעט? איינער ווייסט בכלל אז איך בין דא אין עפעס א באנגעלאו? למעשה האט זיך אויסגעשטעלט אז וואס האט אויסגעזען ביי מענטשן ווי די נסיון איז ביי מיר געווען מיין פערזענליכע ישועה: איין נאכט זענען מיר איבערגעשלאפן אין קרית יואל ביי מיין שוועסטער'ס הויז, כדי צו קענען מיטהאלטן א חתונה, און דערנאך דעם קומענדיגן טאג א שבע ברכות. אינדערפרי נאכן חתונה ביי א באזוך ביים דאקטער, האט דער דאקטער מיר געמאלדן אז איך גיי נישט אין ערגעץ, נאר מ'וועט מיר פון דא פירן גלייך צו קאלאמביע שפיטאל ווי איך וועל מוזן רוען. אן קיין צוויי ברירות איז מיין שוועסטער געבליבן מיט די קינדער, מיין מאן איז מיטגעקומען מיט מיר.

בשעת'ן ווארטן אין עמערדזשענסי רום פאר לאנגע שעות אן גארנישט, דוקא דעמאלט האב איך באקומען א ליכטיגקייט, איך האב געשפירט אז איך קען רעדן צום אייבערשטן, איך האב אנגעהויבן שפירן ווי עס ווערט מיר קלאר וואס איך דארף טון, איך דארף טון "גארנישט". ביז יעצט איז מיר געווען א צומישעניש, ווייל וואס "דארף" איך טון?

אלע זאכן פון מיין אלטע הויז דארף איך זען ארויס פון דארט, אָן קיין וועג צו אנקומען, אָן צו מעגן שלעפן. אין די באנגעלאו קען איך זיך אויך נישט מסדר זיין ווייל איך דארף זיך וואטשן, פון די אנדערע זייט איז מיין מאן קוים אינדערהיים ווייל ער דארף אסאך פארן צו און פון די ארבעט. אן א גראסערי און אן סיי וועלכע וועגן צו אנקומען ערגעץ האב איך געדארפט האבן פרישטאג און נאכטמאל פאר די קינדער, עס מוז זיין דער אייבערשטער האט מיר געגעבן עסן יעדע מאל אבער איך געדענק נישט פון וואו.

אז איך טרעף זיך דא אין שפיטאל אן גארנישט האב איך זיך פארגעשטעלט כאילו עס האט פאסירט א שריפה, מיינע אלע חפצים זענען פארברענט, עס איז נישטא אויף די וועלט קיין זאך וואס באלאנגט צו מיר. איך האב אנגעהויבן אזוי צו דאנקען דעם אייבערשטן אז איך האב א גוטער מאן מיט ליכטיגע קינדער, שכח אייבערשטער אז איך לעב און איך בין געזונט, וואס נאך איז מיר דא צו דארפן.

איך האב געשפירט אזא רואיגקייט אזויווי א קינד וואס איז יעצט געבוירן, מען לייגט עס אונטער א ווארימע לייט, מען וואשט עס אפ, מען וויקלט עס איין, מען טוט אן די קליינע פינקע (ראזע) און בלויע קאפעלע, און מען גיבט עס עסן, אן קיין פינטעלע דאגה הייבט די בעיבי אן צו עסן און עס ווערט בארואיגט.

אזוי האב איך פלוצלונג געשפירט איך האב סיווי גארנישט, איך קען יעצט סיווי גארנישט טון. איך האב יעצט די פולע רעכט זיך צו פארלאזן און זיין אנגעוויזן אינגאנצן אינעם אייבערשטן.

אזוי ווי איך האב אויסגעלאזט די לייצעס האב איך אנגעהויבן זען ניסים איינס נאכן צווייטן, איך האב געדאנקט אויף יעדע זאך, און ווען איך האב פארשאפט א תהלים האב איך זיך צוגעקלעבט צו די תהלים, אזוי ווי ביי יעדע ריר האב איך געטראפן דעם אייבערשטן און עס איז מיר געווארן לעכטיג.

מיר זענען אנגעקומען אין שפיטאל מער פארמיטאג און שפעטער פארנאכט'ס האבן מיר באקומען א רואיגע פריוואטע צימער, ווי מען האט זיך געקענט בארואיגן פון די טאג און זיך אפרוען ביינאכט.

דער אייבערשטער האט געפירט אז א יונגערמאן איז ארויסגעפארן גאנץ פרי פון שפיטאל קיין קרית יואל, אזוי אז מיין מאן זאל קענען גיין נעמען זיין קאר און זיין טלית תפילין פון קרית יואל.

אינדערפרי האב איך זיך פרובירט צו אנטון איין שפיטאל קלייד אויף די צווייטע צו זיין עפעס צוגעדעקט. מיט די דיקע געלע שפיטאל זאקן אריינגעשטופט אין די שיינע חתונה שיך בין איך גרייט צו בעטן דעם אייבערשטן זאל מיר שיקן עפעס צו עסן. אזוי ווי איך גיי ארויס צו די קארידאר שיקט מיר דער אייבערשטער צוויי פרויען פון ביקור חולים 24/7. זיי געבן א קוק ווי אינטערעסאנט איך בין אנגעטון, און הערן מיר אויס א מינוט ווי אזוי איך בין דא אריינגעפאלן, אזוי אן גארנישט. איין זאך פארשטייען זיי נישט, וואס איז די גרויסע שמחה דא? עס זעט מער אויס ווי איך האב דא געוואונען עפעס א גרויסע סכום געלט, אדער א מתנה, גיי זיי מסביר וואס איך האב דא געוואונען!

זיי פירן מיר גאנץ א לאנגע וועג אין די שפיטאל בנין צו אנקומען צו די שבת שטוב, איך האב דארט געמאכט א קאווע נאכן כמעט נישט אריינגענומען עפעס אין מויל פאר די לעצטע 24 שעה, עס איז געווען א עקסטערע חסד פון אייבערשטן אז א טאג פריער, אינדערפרי פארן גיין צום דאקטער האט מיין שוועסטער מיר צוגעגרייט א גרויסע פרישטאג ווי עס דארף צו זיין, אזוי האב איך געקענט אנגיין ביז דעמאלט. אינעם שבת שטוב האב איך געקענט אביסל טשארדזשן מיין פאון. יעצט קען איך שוין אפילו שמועסן מיט

מען נעמט צאם די מיסט מיט ר' אהרן לונגער'ס טרעקל



מענטשן, און רופן משפחות אין שטעטל צו צוטיילן די קינדער.

מיין מאן האט געדארפט נעמען אלע קינדער פון קרית יואל צום שטעטל, וואשן אלע וועש און איינפאקן פאר יעדן איינעם, די שטעטל משפחות זענען געווען אזוי ווארים און גרייט צו העלפן, זיי האבן מיר געמאכט שפירן ווי איך טו זיי א טובה אז איך לאז זיי האלטן מיינע קינדער.

מיין מאן האט אויך געדארפט ארבעטן שווער ארויסצונעמען אלע מעבל און אלע צאמגעווארפענע זאכן פון די אלטע הויז צו די בעיסמענט פון די נייע הויז וואס מען האלט אינמיטן בויען, און נאך אסאך זאכן האט ער געדארפט טון און ערלעדיגן.

איך האב געדארפט לייגן די הענט אין די בעק, נישט קיין חילוק צו זאכן ווערן געטון ווי עס שמעקט מיר, איך האב געטון איין זאך, געדאווענט צום אייבערשטן, אים געדאנקט און געשמועסט מיט אים. אויב איז דא עפעס וואס איך זארג זיך, צו די זאכן ווערן גוט אריבער געפירט, אדער אויב די נייע הויז ווערט געבויעט לויט 'מיין' פלאן און 'מיין' געשמאק, קען איך טון איין זאך, איך קען דאנקען דעם אייבערשטן אז איך האב א ליכטיגע משפחה, און בעטן ווייטער פאר ערליכע הייליגע לעכטיגע דורות. שכח אייבערשטער איך האב אריינגעלייגט כח צו בעטן פאר דעם.

איך האב אפילו נישט געבעטן דעם אייבערשטן אויף די אלע הויז זאכן וואס 'איך' וויל, ווייל איך ווייס אז דער אייבערשטער וויל יעצט פון מיר עפעס אנדערש. דער אייבערשטער וויל יעצט פאר אביסל זאל מען ארויסנעמען די 'איך' צו קענען נאכדעם זוכה זיין צו שיינע זאכן.

ראש חודש כסלו, נאך דריי וואכן פארברענגען אין שפיטאל און זען אפענע ניסים אויף ניסים מיט מעשיות פון תפילה וואס עס איז אפילו נישטא גענוג פאפיר צו אראפשרייבן די אלע ניסים, האט דער אייבערשטער מיר געגעבן א מתנה א געזונטע אינגעלע בעיבי, שכח אייבערשטער!!!

דער אייבערשטער זאל העלפן איך זאל זיך אלעמאל קענען איבערגעבן פאר אים און טראכטן, וואס וויל דער אייבערשטער יעצט פון מיר?

נאך די בעיבי האבן זאכן אנגעהויבן צו ווערן גרינגער ברוך השם, די זעלבע באנגעלוי אבער א אנדערע מח. מען האט געעפנט א וואנט פון מיין באנגעלוי צו די נעקסטע, איך האב באקומען אסאך מער פלאץ זיך צו מסדר זיין, און נאך אפאר זאכן איז אריינגעפאלן אין פלאץ. אויף די גארבידזש וואס מען האט נישט געהאט ווי צו לייגן האט ר' אהרן לונגער געמאכט א 'קאמפעני' צו נעמען די גארבידזש יעדע וואך מיט א טרעקל.

איך האב ארויפגעלייגט סקרולס אויף די וואנט וואס מען האט גערופן שטעטל הוקס, אזוי האט מען שוין געהאט ווי צו לייגן די מאנטלען. מען האט געטראפן פלאסטיק לעדלעך מיט עפעס א אלטע שאנק וואס איז געווארן וועש שענקלעך, עפעס א אלטע קאוטש וואס זעט אויס בערך הונדערט יאר אלט, איז געווארן די סטאנציע צו קעיר נעמען פון די בעיבי, דארט בין איך געזעצן מיט אים און דארט האט מען אים אראפגעלייגט צו שלאפן, אויף די קאוטש זענען אויך אלע קינדער געזעצן און פארציילט ווי אזוי עס איז

געווען אין סקול, שכח אייבערשטער ס'איז געווען באמת פרייליך!

די באנגעלאו האט אפילו געהאט א גרויסע צומער וואס האט געדינט אלעס אין זיך, א קאך, דיינינג רום, פלעי רום, און אויך א וואש רום צו הענגען די וועש, ווייל די דרייער איז געווען צובראכן, די גרויסע צומער פלעגט מען טאנצן מיט מוזיק יעדן טאג, מען האט געדאנקט דעם אייבערשטן, און עס איז געווען גאר פרייליך.

די וואש מאשין האב איך זיך געטיילט מיט די נעקסטע באנגעלאו, ווי עס האט דאן געוואוינט משפחת ווייס. איך פלעג אריינקומען צו איר מיט מיינע באקעטס (קארב) וועש, אזוי האט מען זיך באגריסט און געשמועסט כמעט יעדן טאג. משפחת ווייס איז געקומען אין שטעטל צו זיין די לערערין פאר בית פיגא. אזוי איז שוין געווען א אידיש מיט א ענגליש טיטשער! משפחת ווייס האט איבערגעוואוינען די בענגעלאו פון משפחת טייטלבוים. משפחת טייטלבוים האט געדונגען אן אנדערע דירה ביז זיי קויפן א אייגענע.

די פענסטער פון קינדער רום האב איך באדעקט מיט פלאסטיק טישטוכער, כדי עס זאל זיין ווארעם און נישט ארייבלאזן, ווייל מען האט עס נישט געקענט צומאכן. פון די קוימען פון ווי מען האט אוועקגענומען אן אלטע Fire Place פלעגט אריין שנייען און רעגענען, איך האב עס באדעקט מיט שאפינג בעגס. בקיצור ס'איז געווען א מחי'. ווען עס איז פרייליך איז אלעס גוט, און אז פאר די מאמע איז גוט איז פאר אלע קינדער זייער גוט.


הארט נאכן זיך אריינציען אינעם נייעם דירה

מיר האבן דארט פארברענגט א חנוכה צום געדענקן. ווינטער אין שטעטל איז געווארן געשמאקער און בעסער יעדן טאג, שכח אייבערשטער.

### וויאזוי איז געווען די ערשטע פורים אין שטעטל?

פורים האט מען זיך צאמגענומען אין די שול פאר די נאכמיטאג סעודה, עס איז געווען זייער אנגענעם און היימיש, און פארשטייט זיך זייער פרייליך.

### אז דו רעדסט פון יענע צייט, לאמיר הערן וויאזוי עס איז געווען די תקופה פון די "קאראנע ווירוס", וואס איז אנגעקומען יענעם פורים צייט?

מען האט געשמועסט אז עס איז דא א נייע ווירוס וואס קומט פון טשיינע וואס אפאר מענטשן אין אמעריקע זענען שוין אנגעשטעקט.

נאך פורים האט אמעריקע זיך שוין גוט באקאנט געמאכט מיט די קאראנע ווירוס. אלע מוסדות און געשעפטן זענען געווארן פארמאכט. דא אין שטעטל האבן מיר זיך גוט באשיצט און זיך געראטעוועט פון די אלע שרעק, מיר האבן זיך צוגעהערט וואס דער ראש ישיבה זאגט, אז מען זאל זיין שטארק מיט אמונה, בשעת די מענטשן וואס הערן נייעס האבן מורא געהאט ארויסצוקוקן פון די פענסטער'ס, האבן מיר געטאנצט און געפאטשט אלע צוזאמען ביי די וועכנטליכע פרויען צאמקום, און מיט די שמחה האבן מיר פארטריבן די שלעכטע גזירות און קליפות.

דער אייבערשטער האט געהאלפן אז עס איז נאכנישט געווען א בילדינג פאר די מוסדות, די סקול און חדר זענען סיי ווי געווען אין בעיסמענט'ס, אזוי האט מען געקענט האלטן אפן און אלעס איז ברוך השם געהעריג אנגעגאנגען. אויך אין שול איז די מנין אנגעגאנגען יעדן טאג אן אויסלאזן. מען איז אפגעקומען מיט שרעק פון די פאליס וואס זענען געקומען שפעקעלירן און זען אויב איינער פארלעצט חס ושלום די געזעץ און מען קומט זיך צאם, אפאר אומפארגינערישע שכנים האבן פראבירט אביסל צו

צושטערן די רואיגקייט, אונזער אמונה איז אבער געווען שטערקער.

מיין הויז וואס מען האט געהאלטן אינמיטן בויען איז אויך געווארן שווערער און טייערער יעדע זאך צוליב די ווייִרוס מצב, אבער מען איז ווייטער אנגעגאנגען מיט אלע כוחות, מען דארף בויען א שטעטל! איין גוי'שע שכן (וואס האט דאן געוואוינט ביי די הויז ווי משפחת בלום וואוינט היינט) האט געהאט וואס צו טון, ער איז געווען פארנומען צו מסר'ן און שטערן וואס מ'קען, סיי ווייל מען טאר נישט ארבעטן אין קאראנא, און סיי מיט נאך עבירות וואס ער האט פראבירט צו טרעפן. ער האט זיך פארבינדן מיט די שטאט אגענטור (Osha) צו מסר'ן אז מען ארבעט אויף א נישט זיכערע וועג. וואס ווער וועס ווייסט זענען זיי גאר שטרענג, און קענען געבן געפעפערטע פיינס, אבער ברוך השם מען איז דאס אויך אדורך מיט אסאך תפילה און מיט הדרכה פון צדיקים.

**ווען האט איר למעשה זיך אריינגעצויגן אינעם נייעם דירה?**

צווישן פורים און פסח האט איך נישט געוואוסט ווי איך גיי זיין אויף פסח. וועל איך שוין וואוינען אין די נייע הויז? ווי דארף איך אנגרייטן? ווי דארף איך מאכן פסח'דיג? דערווייל איז מען ווייטער פרייליך און מען לאזט דעם אייבערשטן פירן.

ממש נאנט צו פסח האט מען אונז מודיע געווען אז איב איז דא וואסער אין די נייע הויז קענען מיר אריינמופן. אלע אנדערע זאכן וועלן שוין אריינפאלן אין פלאץ, און מען קען אויך צוענדיגן ווען מען וואוינט שוין דארט.

מען האט נאך אנגעיאגט צו טרעפן א גוי וואס זאל ארויפשלעפן די מעבל פון בעיסמענט און אויפשטעלן. מיר האבן אפגעקויפט אלטע מאטראצן פון די קאנטרי פאר די קינדער צו שלאפן אין די נייע הויז, מיר האבן עס געשלעפט מיט די קאר און אויסגעשפרייט אויף די ערד, ווי זיי זענען געשלאפן די נעקסטע שטיק צייט. א קלינינג קאמפעני איז שוין נישט געווען צו געפונען, אפאר וואוילע ניסעס זענען מיר געקומען העלפן רייניגן וויפל מען האט געקענט, דאס איז געווען א טאג פאר בדיקת חמץ.

מיין מאן און איך זענען ביידע געווען אפגעשוואכט פון קאראנע, אויסגעמוטשעט און מיט ווייניג כח, אבער זייער פרייליך האט מען געפאקט און געפאקט זעקלעך און פעקלעך פון די באנגעלאו אריין אין די קאר, מען איז אריבערגעפארן איין מאל און נאכאמאל, ביז אלעס איז אנגעקומען, און נאכדעם האט מען געטראגן אלע קינדער.

מיר טרעפן זיך פנים אל פנים מיט אן אומגלויבליכע פאקט, דער אייבערשטער האט אונז געמאכט לאנדן אין אונזער אייגענע הויז. יא ס'איז אמת, נאך א האלבע יאר קענען מיר אראפלייגן די וואנדער שטעקן און געבן א גוטע אטעם אריין און ארויס. מען האט אויסגעפאקט נאר די וויכטיגסטע זאכן וואס מען דארף, כדי צו קאכן און זיך אנטון אויף פסח.

דער ראש ישיבה איז דעמאלט געקומען אויף פסח אין שטעטל! און אויך דעמאלט באנייט זיין נייע הויז. עס איז געווען די ערשטע פסח וואס דער ראש ישיבה איז געווען אין שטעטל אויף יום טוב פסח. די שול אונטער דער ראש ישיבה'ס הויז איז אבער נאכנישט געווען אויפגעבויעט, מען האט נאך דעמאלט געניצט שטראסער'ס בעיסמענט.

**וויאזוי האט איר געשפירט פסח אין די נייע דירה אין שטעטל?**

פסח אין שטעטל, און נאכדערצו צוזאמען מיט דער ראש ישיבה. און א פסח וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט מיר אזויפיל חסד. עס האט זיך געשפירט העכער אלע ספערן, גאנץ פסח האט זיך געשפירט ווי דער אייבערשטער נעמט אונז ארום און גלעט אונז.

אפילו סתם אז מיר קענען זיצן ביי די סדר מיט א געהעריגע טיש און בענקלעך, און נישט וואס שאקלט זיך. אז מען קען עסן מיט געהעריגע דישעס און עסצייג איז געווען פאר אונז א חירות וואס מיר האבן נישט געשפירט די לעצטע שטיק צייט, שכח אייבערשטער.

אייבערשטער העלף אז די שכינה הקדושה זאל מער נישט דארפן ארומגיין מיטן וואנדער שטעקן און מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה.

**וועלכע מעסעדזש קענט איר זאגן פאר די מענטשן וואס מופן היינט צוטאגס צום שטעטל?**

יעדעם'ס מעשה איז אנדערש פון דעם אנדערנ'ס, יעדער האט זייער אייגענע זאכן וואס זיי דארפן דורך ברעכן, ביי איינעם שפירט זיך ווי מען שטופט א וואנט, און ביי איינעם שפירט זיך ווי מען שווימט דורך א ים און מען גייט זיך אט אט דערטרינקן. יעדער קען שרייבן זיין אייגענע בוך וואס ער דארף אלץ אדורכגיין אויב וויל ער אנקומען צו די פלאץ פון גן עדן, אבער סתם דורכשלאפן די לעבן אן צו אנקומען צום ציל ווילן מיר אוודאי נישט.

די מענטשן וואס ווילן מופן קענען זיך פארשטעלן די מעשה פון סיפורי מעשיות מעשה י"ב פון דער בעל תפילה, אז איך גיי וואוינען אינדרויסן פון ישוב צו קענען זיין פארנומען מיט שירות ותשבחות פארן אייבערשטן - איך בין נישטא פאר אנדערע תענוגים - ווייל דאס איז מיין גרעסטע תענוג. איך וויל דא נענטער ווערן צום אייבערשטן, איך וויל רעדן צו אים יעדן טאג און זיך אדורכשמועסן אלע מיינע פאסירונגען וואס פאסירט יעדן טאג. אז מען האלט דאס פאר די אויגן וועט זיין גרינגער. די אלע זאכן וואס מען דארף בגשמיות וועט שוין די אייבערשטער נאכשיקן.

און אז איך בין שוין דא קען איך שוין טראכטן ווי אזוי קען איך מאכן אז נאך איינער זאל וועלן אנהייבן רעדן צום אייבערשטן, דאס דארף מען שטענדיג זען, צו העלפן נאך א איד זאל וויסן פונעם אייבערשטן. די אלע וואס זייער תכלית איז צו וואוינען אין א געוויסע געגענט, האבן דארט א געלעגנהייט צו מאכן נאך מענטשן רעדן צום אייבערשטן.

**א גרויסן שכח פארן איבערגעבן אייער פרעזענליכע מעשה, וויאזוי איר זענט אנגעקומען צו וואוינען אין קרית ברסלב ליבערטי, און אלעס ארום. עס איז געווען באמת גאר אינטערעסאנט און פול מיט תוכן. דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן אסאך הצלחה אין אלע ענינים, און זען אסאך נחת פון אלע קינדער.**

אמן.



ש.ל. פליישמאן

# שייערן אין גראמען

ב' תזריע תשפ"ד

## וויאזוי האט מען זיך געפירט אין ברסלב?

"דער ראש ישיבה האט גערעדט ביים שיעור,
וואס אין ברסלב מען האט זיך געפירט...
ווילסט וויסן די ברסלב'ער מנהגים?
עס נישט קיין הויכע כוונות און מושגים...
נאר א קשר מיטן אייבערשטן אנקניפן,
התבודדות ותפילה - שאקלען מיט די ליפן!

ר' דוד מאמיקאלייעב ז"ל פארט אין די וועגן
פארן בעל שם טוב וויין ברענגען
געטריי ר' דוד טוט די טרויבן פרעסן
טוט נישט א מינוט פון דעם פארגעסן..
כוונות און שמות ער האט אינזינען
שטייט אויף די פיס פון פרי באגינען..
מיט פרייד צום גרעניץ גייט ער..
אט אט פארן בעל שם טוב שטייט ער..

אבער, דארט, ער ווערט אפגעשטעלט,
"עפן די פעסער!" דער וועכטער באפעלט.
דער הייליגער תלמיד מיט ציטער שטייט,
עס העלפט נישט זיינע תחנונים רייד.
דער גוי טמא האט זיין האנט אריינגעשטעקט,
און פון יעדע פאס די וויין אפגעלעקט...

"רבי!" פארן בעל שם טוב ער זיפצט
פאר יין נסך איך האב געשוויצט
אזויפיל צייט געווארן אין מיסט
מכוון געווען יחודים און שמות אומזיסט..
מיט ליבשאפט דער צדיק ענטפערט אים
האסטו **איין** תפילה געבעטן פאר דעם?

**קשר"ק - קראזן, שארן, רייבן, קערן,**
ראש השנה'דיגע מלאכים טוען באשאפן ווערן.
לאמיר צולייגן ביי יעדע פעולה,
פארן באשעפער א קליינע תפילה.
"באשעפער, העלף מיר זוכה זיין,
שפירן אינעם פסח א טעם.
**פסח זאל זיין איין שטיק פרייד,**
**אן אנגענעמע פאמיליע צייט!!!"**

# פאר די ברסלב'ע שטוב

מ. פאפענהיים

## נערוון ביים מאכן פסח'דיג

"פריידעלע?! האסט געענדיגט עסן? קום, איך וויל דו זאלסט מיר העלפן מיט די טויס!"

"אבער מאמי! איך בין חמצ'דיג!"

"שאקל זיך זייער גוט אפ, און קום אריין דא אין דעם פסח'דיגן צימער".

זי שטעקט אריין איר קאפ אין טיר, "מאמי! איך מעג אריינקומען?"

"האסט זיך גוט אפגעשאקלט? זייער גוט, קום מיר וועלן צוזאמען סארטירן די שפילצייג, אזוי וועט מען קענען געשמאק זיך שפילן מיט דעם פסח ".

"אבער מאמי! איך האב געגעסן חמץ!"

איך פארשטיי שוין נישט וואס די קינד וויל, זי וויל זיך פשוט ארויסדרייען פון די ארבעט?

"פריידעלע! - מיין טאן ווערט שטרענגער - ביי



# ברסלב'ע שטוב

אונזער שטוב דארף מען פאלגן א מאמע, קום אריין און מיר וועלן צוזאמען מסדר זיין די קליק'ס, מענטשעלער, און קארעלער".

זי קומט ענדליך אריין אין צימער, און מיר הייבן אן די ארבעט צוזאמען, איך ווארט צו זען איר לוסטיגקייט, כאטש אזויפיל ווי ווען זי האט אלעס אפגעוואשן און אפגעווישט, אבער ניין, עפעס קוועטש איר.

ווען די קליק'ס איז שוין געווען שיין פארמאכט אין באקס האט זי זיך אויסגעדרייט און געפרעגט מיט א קינדערישע תמימות. "מאמי! מיין חבר'טע גאלדי זאגט אז אויב מען מאכט עפעס פסח'דיג מעג מען עס שוין נישט אנרירן, נאר נאכדעם וואס מען באדט זיך און מען טוט זיך אן ריינע וועש!"

"וואס??? וואס עפעס".

"יא! ביי זייער הויז געבט מען זייער אכטונג פון חמץ, וואס עס איז פסח'דיג רירט מען שוין נישט אן, אויב מען האט געגעסן מ ץ. אפילו זייער אמע טוישט זיך יעדן מאל אלע קליידער פארן אריינגיין אין א פסח'דיגן צימער, און מען לייגט אויס פלעסטיק טישטעכער אין א ווינקל אויף י ווענט און אויפן ערד, ון נאר דארט מעג מען עסן חמץ, און וועגן



דעם שפילט זיך גאלדי אין גאס א גאנצן טאג, ווייל נאכדעם וואס זי עסט חמץ מעג זי שוין נישט אריינגיין אין זייער פסח'דיגן הויז!"

"פריידעלע, יעדע מיידל דארף פאלגן וואס מען הייסט ביי זייער שטוב, גאלדי וועט פאלגן וואס איר מאמע הייסט, און דו וועסט פאלגן שיין וואס טאטי און מאמי זאגן.

אה! איך זע אז דו האסט זייער שיין געענדיגט אלעס לייגן אויפן פלאץ, יעצט קענסטו זיך שפילן אביסל און נאכדעם וועט מען שוין גיין שלאפן".

ביי מיר אין מח האט עפעס נישט געקלעפט וואס פריידעלע האט פארציילט, אבער אין די געיעג פון פארענדיגן די ארבעט פונעם טאג איז אלעס פארגעסן געווארן.

אויפצומארגנ'ס איז מען ארויסגעגאנגען איינקויפן מיט אלע וואוילע קינדערלעך די גוטע פסח'דיגע עסן, נעבן געשעפט האבן מיר באמערקט ווי א אינגערמאן שטייט און שווענקט די וועגעלעך פון געשעפט.

"מאמי, קוק! - האט יאנקעלע געוויזן - זיי מאכן פסח'דיג די וועגעלעך!"

"אינטערעסאנט - האט איך זיך געוואונדערט - די געשעפט שטייט און שווענקט אזוי אלע וועגעלעך?"

פריידעלע האט זיי באטראכט נאך אפאר מינוט, "מאמי! איך זע אז זיי מאכן נישט ריין אלע וועגעלעך, נאר צוויי מאכן זיי ריין, און גאלדי'ס מאמע נעמט עס! איך האב שוין נעכטן דיר דערציילט אז זיי געבן זייער זייער אכטונג פון חמץ, פארוואס קענען זיי נישט אזוי אכטונג געבן?"

יעצט בין איך שוין געווארן נייגעריג, ווער איז די משפחה וואס פריידעלע רעדט אזוי פון זיי?

"פריידעלע? דיין חבר'טע גאלדי איז אויך געקומען איינקויפן?"

"עם... איך זע איר נישט, איך זע שוין אויך נישט איר מאמע".

"גוט, קינדערלעך, קומט אריין אין געשעפט".

"וואוו! מאמי! אזויפיל גוטע זאכן איז דא אויף פסח???!!!" רבקה'לע האט געעפנט צוויי גרויסע אויגן!

"יא, דער אייבערשטער שיקט אונז אזעלכע גוטע זאכן, קומט נעמען פון דא אסאך טשיפ'ס, און יאנקעלע וועט גיין ברענגען די ניסעלעך".

"מען קען אויך האבן אזעלכע קיכעלעך?"

"לאמיר זען... עס זעט אויס ממש ווי חמצ'דיגע, אונז עסן נישט אזעלכע קיכעלעך פסח, אבער מען קען עס קויפן, און ווער עס וועט זיין זייער וואויל וועט קענען האבן ערב פסח".

"מחי'!" די קינדערלעך זענען אונטערגעשפרינגען פון ערוואַרטונג, יעצט דארף מען ברענגען גרעיפ דזשוס. "פריידעלע דו קענסט אכטונג געבן עס זאל זיך נישט צוברעכן, אמת?"

"זיכער!" זי איז געלאפן מיט פרייד, און אויפן וועג זיך שיעור נישט אנגעקלאפט אין א פרוי, די פרוי האט זיך אויסגעדרייט בייזערהייט.

"וואס טוט זיך דא?? ווער ברענגט

דא קינדער???"

פריידעלע איז געבליבן שטיין פארפרוירן אויף איר ארט, און איך האב געכאפט א בליק צו זען וואס ס'גייט דארט פאר, איך האב נאך אנגעיאגט צו זען ווי די פרוי קערט זיך שנעל אוועק, ווי דער ווינט וואלט איר

**פריידעלע קען נישט פארשטיין אז די איבערגעשטרענגקייט האט טאקע צו טון מיט די איבעריגע נערוון וואס זעט אויס ווי חומרות.**

געיאגט, און רופט אויס צו פריידעלע, "מיידעלע! רוק זיך אוועק, מאך מיר נישט חמצ'דיג!"

פריידעלע האט זיך צוגעשארט צו מיר אן די גרעיפ דזשוס, מיט טרערעלעך אין די אויגן, "מאמי! פארוואס שרייט גאלדי'ס מאמע אויף מיר? איך האב איר גארנישט געטון!!!"

און דאן האב איך נאך עפעס געזען, איך האב באמערקט די מידע אויגן, די אנגעשטרענגטע פנים. און די פלאסטיק הענטשוך אויף די הענט, נאר א קאראנע מאסקע האט אויסגעפעלט... און איך האב פארשטאנען פלוצלונג אלע מעשיות וואס פריידעלע האט צו פארציילן וועגן גאלדי'ס פסח'דיגן הויז. שוין צו גוט פארשטאנען.

פריידעלע איז נאך געווען טיף באליידיגט, איך האב איר פראבירט צו בארואיגן, אז גאלדי'ס מאמע איז מסתמא זייער אנגעשטרענגט און עכט האט זי נישט געוואלט שרייען אויף איר, אבער זי האט זיך שוין אכטונג געגעבן אירע ביינער. און ווען זי איז געגאנגען עפעס נעמען האט זי פארדעם פארזיכטיג איבערגעבליקט אויב גאלדי'ס מאמע געפינט זיך נישט דארט.



פריידעלע קען נישט פארשטיין אז די איבערגעשטרענגקייט האט טאקע צו טון מיט די איבעריגע נערוון וואס זעט אויס ווי חומרות, און עס זעט איר אויס אז זיי זענען בעסער פון אונז. אבער עס קריצט זיך איין טיף אין הערצעלע און ווען זי וועט גרעסער ווערן האף איך אז זי וועט עס געדענקען און וויסן וואס זי האט צו טון ביי איר אינדערהיים.

און דערווייל... דערווייל איז מיין הארץ אויסגעגאנגען פון רחמנות אויף די מענטשן וואס דער גאנצער פסח איז איין שטיק נערוון, איך האב נאר געוואלט זיך אוועקשטעלן ביים מייק אין געשעפט און אויסשרייען צו יעדן: דער הייליגער רבי איז אויך געווען אזוי אריינגעדרייט אין חומרות, ביז ער האט זיך אפילו נישט פארלאזט אויף די וואסער וואס מען לייגט אוועק פאר פסח, ער האט געוואלט גיין וואוינען אויף פסח נעבן א קוואל, ווייל נאר פון א קוואל איז דא א גאנצע צייט ריינע לויטערע וואסער. שפעטער האט דער הייליגער רבי געזאגט: 'דער אייבערשטער האט געגעבן די הייליגע תורה פאר מענטשן נישט פאר מלאכים' וועלן מיר טון וואס מיר קענען און דער אייבערשטער וועט העלפן מיר זאלן אפגעהיטן ווערן פון א משהו חמץ.

אבער מען קען דאך נישט באצווינגען א מענטש צו טוישן זיינע געדאנקען, עס דארף קומען פון אייגענעם ווילן, וועל איך טון וואס איך קען באמת טון, בעטן דעם אייבערשטן אונז ארויסצונעמען פון אונזער פריוואטן מצרים, יעדער איינער פון זיינע ליידן און זיינע נערוון.

**"העלף הייליגער באשעפער איך זאל מיטנעמען די השפעות פון פסח אויף א גאנץ יאר, א גאנצן יאר זאל איך רעדן צו דיר, א גאנץ יאר זאל איך האבן א פה-סח. און אז איך וועל רעדן צו דיר וועט מיר אלעמאל זיין גוט, איך וועל זיך קיינמאל נישט שפירן אין מצרים".**

# פ



ח. שטעסל

# ערעלעס

## קליידער געשעפט



**צום ערשט ווילן מיר אייך פרעגן; וואס האט אייך געגעבן די שטופ צו גיין אויף אזא שריט אויפצומאכן א קליידער געשעפט?**

די מעשה גייט אזוי, איך בין ברוך השם אויפגעוואקסן אין וויליאמסבורג אין א שטוב מיט גאר פיינע עלטערן.

אין מיינע קינדער יארן האבן אונז באקומען א מתנה - מיין טאטע איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן דורך אונזער רבי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו. איך געדענק ער פלעגט אונז (און איז נאך אלץ) אסאך מחזק זיין אויף תפילה און אמונה, עס האט אזוי סאך צוגעגעבן און לעכטיג געמאכט אונזער לעבן. שבת און יום טוב איז אלץ געווען זייער פרייליך, אפילו א פשוטע וואכן טאג איז אויך געווען פרייליך. מען האט אלץ געטון די מצוות מיט א שמחה.

אלס מיידל האב איך געהערט א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א פון בעטן דעם אייבערשטן אויף גוטע מידות, פון טראכטן פאר מען רעדט ארויס אווארט, זען עס זאל נישט זיין שטעכעדיג.

איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן צו באקומען א מאן וואס לעבט מיט די עצות פונעם רבי'ן, וואס פאלגט די שיעורים פון מוהרא"ש און דער ראש ישיבה.

און א מעשה פון תפילה, דער אייבערשטער האט געהאלפן דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן איך האב באקומען א מאן פון זייער א חשובע משפחה, אן אמת'ע תורה'דיגע שטוב, און מיין מאן האט נאך פון אלס בחור געלערנט ביים ראש ישיבה, געהערט די אלע הערליכע שיעורים, און געלערנט דעם רבינ'ס ספרים.

די ערשטע יארן נאך אונזער חתונה האבן אונז געוואוינט אין וויליאמסבורג, וויבאלד ס'איז געווען נאנט צו די ישיבה, במילא האבן מיר נישט געהאט קיין פלענער צו מופן אין אן אנדערע פלאץ. איך געדענק איינמאל שבת אינדערפרי נאך סיפורי מעשיות האב איך געטראכט וואו נאך אין די וועלט איז דא אזא רבי וואס פאסט צו רעדן פון אזעלכע שיינע דיבורים וועגן זיין פרייליך שבת, א רבי וואס רעדט וועגן שלום בית, אז א ערליכער איד איז נאר אויב מען לעבט מיט ליבשאפט אינדערהיים איינער מיטן צווייטן. מען רעדט פון די בעסטע סגולה פון רעדן צום אייבערשטן און בעטן וואס מען דארף. מען רעדט פון דאנקן דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיט אונז. וויסן ווי חשוב אונזער מצות זענען. האבן אונז געטראכט מיר ווילן בלייבן וואוינען נאנט צום צדיק.

אגב מען קען וואוינען איבעראל און זיין נאנט, נאנט = מקורב מיינט הערן שיעורים, לערנען די ספרים די בריוון פון אשר בנחל און עצתו אמונה, און רעדן צום אייבערשטן.

אבער ברוך השם די דירה איז געווארן קלענער, ברוך השם עס איז געווארן אנגעפולט פון געזונטע קינדער, אבער מיט תפילה קען מען אלעס פויעלן, צו קענען האבן ביידע.

האב איך געבעטן אפאר יאר דעם אייבערשטן "אייבערשטער מיר האבן א קליינע דירה, העלף אונז טרעפן א שיינע גרויסע דירה אין א רואיגע געשמאקע פלאץ. אויך ווילן מיר האבן ערליכע קינדער וואס וואקסן אויף מיט א צדיק, איך וויל האבן הייליגע מוסדות וואס מען באקט אריין אמונה אין די קינדער". נאכדעם



האט מען טאקע אנגעהויבן צו רעדן וועגן א ברסלב׳ע שטעטל, איך האב נישט געקענט צו זיך קומען אז איך גיי קענען האבן ביידע זאכן אין איין פלאץ, איך בין געווארן אזוי פריידליך אז דער ראש ישיבה שליט״א עפנט אויף אזא הייליגע פלאץ.

איין טאג זענען מיר געפארן זען די דירה וואו מיר וואוינען היינט ברוך השם, נאכן באטראכטן דעם גאנצן דירה האבן מיר נישט געקענט מחליט צו זיין צו מיר זאלן נעמען דעם דירה אדער נישט, זענען מיר געגאנגען זיך שואל עצה זיין מיט דער ראש ישיבה שליט״א, און מיר האבן פארשטאנען אז מיר זאלן עס קויפן. דעמאלט האט עס אויסגעקוקט זייער א ווילדע זאך צו טון, אבער מיר האבן געוואוסט אז מיט אמונת צדיקים דערלייגט מען נישט.

ווען איך קוק צוריק קענען מיר נישט גענוג דאנקן דעם אייבערשטן פארן דעמאלטס טוען א זאך וואס האט נישט געהאט קיין זינען, אזוי ווי מ׳זעט היינט א הערליכער שטאט מיט אלע צוגעהערן ברוך השם.

איינע פון די זאכן פון מופן






וואס איך האב געטראכט אז ס׳איז אביסל שווער איז, אז איך גיי נישט האבן א געוויסע קליידער סטאר אין וויליאמסבורג וואס פארקויפט קליידער פאר ביליג, עס הייסט In קלאוז - אוט (Close Out) וואס איך פלעג זיך אלץ מחי׳ זיין מיט דעם סטאר.

דער ראש ישיבה שליט״א האט אונז דעמאלט געזאגט ׳ענק וועלן עפענען אזא סטאר אין שטעטל׳, האב איך שוין פארשטאנען אז ס׳נישט קיין joke. אגב עס האט מיר דערמאנט א מעשה וואס האט פאסירט ביים בעל שם טוב זכותו יגן עלינו, אז איינמאל איז ער געקומען צו זיין טאכטער אדל און ער האט געזען דארט די קינד שמחה - וואס האט זיך דעמאלט געהאדעוועט ביים בעל שם טוב׳ס טאכטער אדל - האט ער געזאגט פאר אדל: ״דער קינד געפעלט מיר״. זי האט דעמאלט נישט פארשטאנען וואס דער בעל שם טוב מיינט מיט דעם צו זאגן, אבער זי האט אריינגעלייגט דעם דיבור אין קאפ. שפעטער נאך אסאך יארן האט זי געזוכט א שידוך פאר איר טאכטער פייגא - איר טאכטער איז שוין געווען צוועלף יאר - האט זי זיך דערמאנט אין די ווערטער פון איר טאטע דער הייליגער בעל שם טוב, פון דעם האט זי געוואוסט אז דאס איז די שידוך. מ׳זעט מען פון דעם ווי א ווארט פון א צדיק איז א גאנצע דרך.

**זייער שיין. ווען איר האט זיך ארויסגעצויגן אין שטעטל, וויאזוי האט איר געפלאנט דארט צו האבן נייע קליידער ווען מען דארף?**

מיר האבן זיך ארויסגעצויגן ברוך השם פון די ערשטע צען, אבער ס׳געווען הערליך שיין, זען דעם אייבערשטנ׳ס וועלט, די גראז און ביימער ארום די הויז. ס׳איז טאקע געווען א גרויסע טויש, ס׳האט גענומען אביסל צייט זיך צוגעוואוינען.

מיר האבן זיך כסדר געפריידט אז מיר טוען דעם רצון ד׳, ברוך השם ס׳איז דא א בית המדרש ווי מ׳קען רעדן פונעם אייבערשטן, פון רבי׳ן, פון מוהרא״ש, פון דער

ראש ישיבה. עס איז א ד׳ אמות אן ליצנות, אן ניבול פה. און דער עיקר אז ס׳איז דא מוסדות וואס לייגט אריין אין די קינדער א זיסקייט אין אידישקייט.

וויאזוי מיר האבן באקומען קליידער פאר די סטאר איז געווען ברוך השם גאנץ גרינג. מיין מאמע פלעגט אלע יארן העלפן סיי אונז קינדערלעך, און אזוי אויך אנדערע. מיר האבן בלי עין הרע אכט מיידלעך, מיין מאמע האט אלץ איינגעקויפט פאר ביליג אבער שיינע קליידער. ווען עפעס איז שוין געווען קליין, אדער נישט פאסיג, פלעגט מיין מאמע שיקן פאר אנדערע זיי זאלן זיך דערמיט מחי׳ זיין. אויך פלעגן מענטשן איר שיקן שיינע זאכן נאך די סעזאן.

ווען מען האט אנגעהויבן רעדן וועגן א Second hand store מ׳רופט עס א ״באזאר״, האט מיין מאמע אונז געקענט העלפן, ווייל זי האט געהאט א אפענע טיר ביי די אלע אזעלכע געשעפטן, און גלייך האט זי שוין געהאט פאר אונז בעגס מיט שיינע קליידער.

זי האט אנגעהויבן ברענגען אסאך בעגס מיט היינטיגע קליידער, און זי פלעגט מיר עס שיקן, אזוי אז קליידער האבן אונז געהאט בשפע.

אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם ביי די שיעורים, אז מען קען ברענגען גוטע שיינע קליידער וואס מען דארף נישט, דער ראש ישיבה האט געבעטן מען זאל אכטונג געבן אז נישט ברענגען גארבאדזש זאכן, אלטע זאכן, נאר אלע קליידער וואס מען ברענגט זאל זיין שיינע גאנצע קליידער.

**וואו האט מען געלייגט די אלע בעגס קליידער?**

מיר האבן געהאט א ליידיגע בעיסמענט וואס דארט האבן מיר געלייגט די אלע קליידער וואס איז אנגעקומען. דארט איז אויך איז די פרויען צאמקום, פלעגט מען דעמאלט איבערקוקן די בעגס קליידער. ברוך ה׳ היינט איז שוין דא אסאך צאמקום׳ס. אבער דעמאלט פלעגט די סטאר זיין אפן ווען עס איז געווען א פרויען שיעור.

ווען איך האב נאך געוואוינט וויליאמסבורג, פלעגן פרויען ברענגען צו די שיעור די גוטע קליידער, און אנדערע האבן הנאה געהאט פון דעם. מען האט עס שיין צאמגעלייגט אויף א טיש נאכן שיעור, און ס׳איז געווען אין סטייל אז פרויען פלעגן נעמען שיינע גוטע קליידער.

די זעלבע איז אויך געווען אין קאנטרי, מען האט אויסגעלייגט קליידער, און ווער עס האט געוואלט האט גענומען, דאס איז בעצם געווען די אנפאנג פונעם גרינדונג פונעם היינט באקאנטן קליידער סטאר.

**וועמענ׳ס איינפאל איז בכלל געווען צו ברענגען קליידער צו א צאמקום, אדער אין קאנטרי?**

דאס איז פארשטייט זיך איז די חיזוק פונעם ראש ישיבה.

מוהרא״ש האט אמאל געפרעגט פונעם עולם, זאגט מיר וואס געבט מוהרא״ש אין לעבן? יעדער האט געענטפערט עפעס, נאכדעם האט מוהרא״ש זיך אנגערופן: ״איך וועל ענק זאגן דעם תירוץ, מוהרא״ש געבט מען זאל לעבן א פראקטישע לעבן״.

מ׳זעט עס מיטן רבינ׳ס עצות באקומען מען פראקטישע עצות פארן לעבן, מ׳קען Enjoyen די וועלט, האבן fun, מ׳קען chillen אויסזען גוט מיטן אייבערשטן. אז מען וויל מצליח זיין בעט מען דעם אייבערשטן. ביים צדיק באקומען א פראקטישע לעבן וויאזוי צו האבן שלום בית און בלייבן אלץ שנה ראשונה.

אויך לערנט מען ביים רבי׳ן פראקטישע עצות צו לעבן אבער נישט אריינפאלן אין חובות. דער ראש ישיבה רעדט פון דעם אז ס׳איז א רחמנות צו ספענדן פאר קליידער פיר מאל די פרייז, נאר ווייל ס׳האט ״א נאמען״, און אפשר וועט א פרענד זאגן Wow.

עס איז א הארצווייטאג צו swipen די קרעדיט קארד פונעם מאנ׳ס שווערע פארדינטע געלט, כדי צו האבן די "In Season baby stretchies״ ווייל די שכן האט געזאגט אז ״דאס איז עס״, און יעצט גייט מען האבן פרעשור נישט צו לאזן די בעיבי ארומקריכן און לעבן נאטורליך.

דער ראש ישיבה רעדט אזויפיל פון דעם אז מען דארף זיך נישט שעמען צו נעמען גוטע קליידער פון א צווייטן. אז איינער האט אוועקצוגעבן א נייע אדער שיינע גוטע קלייד פארוואס זאל מען עס נישט מעגן נעמען, לאמיר זאגן האסט א שווערעגרין, איך ווייס נישט צו מען קען עס אנרופן א רייכע שווערעגרין, ווייל עס האט נישט צו טון מיט רייכקייט, נאר פשוט זי

ספענדט סתם אויס די געלט. אדער אמאל איז עס נישט איינער וואס זוכט צו ספענדן, נאר זי דארף עס נישט וויל עס פיט איר נישט. אזוי איז געווארן אז מען ברענגט עס צו די צאמקום.

און אזוי ווי דער ראש ישיבה ברענגט אריין אזא ליבשאפט צווישן אנשי שלומינו פלעגט מען זיך נישט שעמען צו נעמען, עס פלעגט זיין א ארויפגעקוקטע זאך, אדרבה יעדער פלעגט נעמען.

איך רעד דא פון פרויען וואס גייען אנגעטון זייער שיין צו די זאך, זייער אהערגעשטעלט, זייער "In", און מיט דעם אלעם האט מען זיך נישט געשעמט, עס איז געווען א ארויפגעקוקטע זאך.

בשעת'ן נעמען די קליידער פלעגן די פרויען שמועסן צווישן זיך "שכח אייבערשטער אז מיר געפונען זיך אין אזא פלאץ וואו עס איז נישט א בושה צו לעבן א רואיגע לעבן, אויסזעהן גאר גוט, און די זעלבע צייט נעמען א קלייד פון יענעם אן צו דארפן ספענדן געלט".



**ווי אזוי האט זיך עס למעשה אויפגעבויעט, פון ברענגען קליידער ביי א צאמקום, ביזן עפענען אזא שיינע קליידער געשעפט וואס איז היינט דא?**

דא דארף מען באדאנקען יעדן איינעם פון שטעטל, ממש יעדן איינעם. סיי משפחות וואס האבן געשיקט קליידער, געהאלפן, און זיך צוגעשטעלט צו וואס מען האט געבעטן, עס איז געווען זייער שיין, אלע זענען געווען זייערווארעם.

מען האט געקויפט אפאר רעג'ס און עס שיין אויסגעלייגט אין בעיסמענט מיט הענגער'ס. עס איז געווען דריי מיידלעך פון סקול, וואס זיי פלעגן קומען מיטאג סארטירן די קליידער. צוריסענע קליידער האבן זיי אוועקגעווארפן, און די גוטע שיינע קליידער האבן זיי אויפגעהאנגען, עס איז געווען פאר זיי א גוטע געלעגנהייט זיך אויסצולערנען צו האלטן שיין ארגאניזירט קליידער, כדי נאך די חתונה וועלן זיי אויך האלטן מיטן אייבערשטנ'ס הילף שיין און ריין זייער הויז. דאס האט געמאכט אז מען זאל שוין קענען קומען איינקויפן יעדן טאג.

שפעטער האט אנגעהויבן צו קומען אזויפיל קליידער אז מען האט שוין נישט געקענט דערטראגן די ארבעט, אויך האבן מיר געוואלט אלעס שענער אהערשטעלן, מיר האבן נישט געוואוסט וואס צו טון ווי אזוי געבעט מען זיך א עצה. דעמאלט איז געווען גלייך פאר מיין אינגל געווארן זיבן יאר, און מיר זענען געפארן מיט אים קיין אומאן



צום הייליגן רבינ׳ס ציון, ווייל דער הייליגער רבי האט מבטיח געווען אז ווער עס וועט קומען צו אים פאר די זיבן יאר וועט גיין צו די חתונה מיט א ריינע העמד. מ׳האט נישט געקענט יענע יאר גיין קיין אומאן ראש השנה. איך געדענק אז דארט ביים ציון האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, איך האב געבעטן "באשעפער איך וויל אזוי שטארק מקיים זיין וואס דער ראש ישיבה וויל, דער ראש ישיבה וויל א שיינע באזאר, העלפן אנשי שלומינו נישט דארפן ספענדן געלט און לעבן אין חובות. אייבערשטער איך ווייס נישט ווי אזוי איך קען עס באווייזן, איך וויל עס זאל ווערן א שיינע פלאץ, עס זאל קענען מאכן א קידוש ה׳, עס זאל זיין א נארמאלע סטאר, איך וויל נישט עס זאל זיין א פארשעמטע פלאץ, אייבערשטער מאך א נס. איך זע אז איך קען עס נישט אליין דעריאגן מיט די מיידלער, אייבערשטער העלף איך זאל האבן די ריכטיגע פרויען וואס זאלן העלפן, שכח אייבערשטער אז עס וואקסט אזוי שיין, אבער מען דארף האבן נאך הענט זאלן צוהעלפן". אזוי האב איך גוט אויסגעשמועסט מיטן אייבערשטן די גאנצע ענין פון באזאר.

ממש א טאג נאכדעם וואס מיר זענען אהיימגעקומען פון אומאן, האב איך באקומען א פאון קאל פון א טייערע געטרייע פרוי אין שטעטל, מרת ל. וועבערמאן תחי׳, און זי זאגט מיר אז זי פלעגט ארבעטן אין אזא סארט געשעפט אין מאנרא, זי מיט אירע שוועסטער׳ס האבן זייער א געפיל אין דעם, זיי ענדשויען עס זייער שטארק, און זי האט הנאה צו ארגאניזירן און מאכן שיין, זי האט מיר געבעטן אפשר קען איך ווערן א וואלונטירן? איך בין געווארן זייער איבערגענומען, איך האב געזען אזא אפענע שיינע מעשה פון תפילה.

און אזוי האט זיך עס ווייטער געבויעט, זי איז אריינגעקומען צוזאמען מיט איר טייערע שוועגערן מרת מ. וועבערמאן תחי׳. זיי האבן אריינגעלייגט זייער גאנצע קאפ, הארץ און מח, זיי האבן געהאט זייער גוטע עצות ווי אזוי דאס צו שענער און בעסער מאכן. דעמאלט האט מען צוגעלייגט שעלפ׳ס און צוגעקויפט זאכן וואס קען פארבעסערן און מאכן אלעס זאל צייגן גוט.

**ווען האט מען אפגעמאכט אז מען גייט ארויס פונעם בעיסמענט, און מען נעמט א געהעריגע פלאץ פאר די קליידער געשעפט?**

די מעשה איז געווען אז מען האט געדארפט רוקן די קליידער אין זייט פאר יעדע שיעור, ווייל אין בעיסמענט איז מער נישט געווען פלאץ. דער ראש ישיבה האט דעמאלט מחזק געווען אז ס׳זאל ווערן גאר שיין אהערגעשטעלט. ארום צוויי יאר צוריק האט דער ראש ישיבה געבעטן די חברי הנהלה מען זאל טרעפן א גוטע פלאץ וואס זאל זיין גוט צוגעשטעלט פאר א קיאסק, און אויך פאר א שיינע גרויסע באזאר. ברוך השם אז א צייט נאכדעם האט מען געטראפן זייער א שיינע גוטע באקוועמען פלאץ, מען האט אלעס אהערגעשטעלט דארט און עס ווערט זייט דעמאלט שענער און שענער ברוך השם. היינט פארקויפן מיר אסאך brend new stock פון קליידער מיט tags, מיר ארבעטן צו קענען פארקויפן מער נייע זאכן פאר גאר ביליג.

**מורא׳דיג. ווי אזוי ארבעט עס היינט, ווער ארבעט אין געשעפט, ווער סארטירט אלעס?**

דא איז טאקע א גוטע פלאץ צו באדאנקען אלע חשוב׳ע פרויען, אלע וואלענטירן. אין אנפאנג איז עס געווען ל. וועבערמאן און מ.



וועברמאן, אבער היינט האלט עס שוין אז עס איז דא וואלונטירן ממש יעדן טאג פון וואך, וואלענטירן וואס קומען העלפן מיט די גאנצע הארץ. עס איז דא פרויען וואס קומען מער ווי איין א וואך, און עס איז דא וואס קומען איינמאל אין א שטיק צייט, אלעס איז זייער א גרויסע הילף, אין זייער זכות איז דא אזא הצלחה ברוך השם.

פאראיאר זומער איז דער ראש ישיבה שליט״א געווען אין באזאר און זיך אויסגעדריקט: ״עס איז זייער שיין, אבער איך וויל עס זאל ווערן אזוי גרויס ווי היכל ראזענבערג״.

שכח אייבערשטער אז עס קומט אן זייער אסאך בעגס, עד כדי כך אז מען דערליאגט נישט ברוך השם. עס איז שוין אויך דא א אפטיילונג פון מענער קליידער, בעיבי קליידער און נאך אסאך.

**וואס איז די פרייזן וואס מען האט באשטימט? וויפל קאסט א שיינע גוטע קלייד?**

דער ראש ישיבה שליט״א וויל עס זאל זיין ביליג, כדי יעדער זאל קענען קויפן, אבער דאך מוז מען בעטן עפעס געלט עס זאל האבן א ווערד, ווייל אז עס איז בחינם נעמען מענטשן סתם, אפילו זיי דארפן עס נישט. מוז עס האבן א פרייז עס זאל האבן א ווערד, אבער אלעס איז ממש ביליג, ביליגער ווי די ביליגסטע געשעפט.

**אויב איך מעג פרעגן, וויפל קאסט די טייערסטע קלייד?**

די טייערסטע קלייד, למשל א חתונה קלייד איז די מערסטע צען דאלער!!!

אזוי ווי עס קומען אסאך מענטשן פון איבעראל, איז שוין דא היינט א קהילה פרייז, און א רעגולער פרייז. אבער אלעס איז זייער ביליג פאר יעדן איינעם.

עס איז דא עפעס וואס איר וואלט געוואלט בעטן אדער איבערגעבן פאר מענטשן וואס שיקן קליידער אדער קומען קויפן?

1. עס איז א מורא׳דיגע הילף אז מען שיקט אלעס גוט פארפאקט אין באקסעס אדער בעגס, עס שפארט אזויפיל ארבעט פון די וואלונטירן. 2. דער ראש ישיבה שליט״א לערנט אונז אויס אז מען זאל גיין אנגעטון שיין, נישט חס ושלום צוריסן, במילא בעט מען אויב מען קען שיקן נאר שיינע גאנצע גוטע קליידער, נישט באפימפלט. עס קען מאכן א קידוש ה׳, מיט איין מינוט מחשבה פארן שיקן קענט איר שפארן צייט פאר די טייערע וואלונטירן.

**א גרויסן שכח פארן אראפגעבן פון אייער טייערע צייט, און מיטיילן מיט די חשובע לייענערס אלעס וויאזוי די געשעפט האט זיך אנטוויקלט, ביז ווי עס האלט היינט ברוך השם.**

דער אייבערשטער זאל אייך געבן כח צו ווייטער קענען אנגיין מיט די געשעפט און מיט אלעס וואס איר טוט.

# א געבענטשטע שטוב!

ש. בוים

לויפן און שפרינגען,
טאנצן און זינגען.
שפילן און קריגערייען,
איין מינוט לאכן און די נעקסטע וויינען.

אלע סארטן שטימעס טוט מען ארויסהערן
פון די אידישע שטוב, וואס קינדער טוען
זיך מערן.

עס איז לוסטיג און לעבעדיג,
די הויז אביסל קלעבעדיג.
די בערג וועש איז אזוי הויעך,
און איך האב מער נישט קיין כח!
איך פיל אביסל איבערגעשטרענגט,
הייליגער באשעפער ווייז מיר די וועג!

איך וויל פון די ארבעט אנטלויפן,
עס איז זיכער מער רואיג אין מיין שכנ'ס
הויפן?!

פלוצלונג די טעלעפאון געבט א קלינג,
און א שיינע העלאו איך זינג.
דארט רעדט א חבר'טע אזוי שיין,
וואס ביי איר איז אלעס רואיג און פיין.

אלעס אין איר הויז בלייבט שיין אין איר
פלאץ,
אזוי ווי בלומלעך וואס ליגן שיין אין איר
טאץ.
אלעס טוט גלאנצן,
די הויז איז שטיל אינגאנצן.
אבער עפעס זייער טייער טוט פעלן,
"לעכטיגע קינדערלעך" וואס באשיינען די
לעבן.

"אוי באשעפער טו איך שוין געדענקען!"
"שנעל און גיך זאלסטו איר שוין שענקען!"
און צו מיין ווערטשאפט טו איך זיך שנעל
בענקען!

הייליגער באשעפער ווי אזוי האב איך
געקענט אזוי שנעל פארגעסן,
אז איך בין די רייכסטע פרינצעסן.

איך פיר די רייכסטע ווערטשאפט אויפן
וועלט,
וואס דאס איז מער ווערד פון אלע געלט.
לאמיר טאנצן אן אויפהער,
פאר אונזערע קינדערלעך, אונזער געווער!

אנשטאט זיך אויסוויינען אויף איינעמ'ס
פלייצע,
קען איך ניצן תפילה די בעסטע עצה.
איך קען עס טון אין יעדע צייט,
סיי פריוואט און סיי צווישן לייט.
ווען עפעס שלעכטס,
ווען איך בין זיכער "גערעכט!"

אבער ווען איינער בייסט,
און עס טוט ווי' מיין הארץ,
קען איך דאס גלייך אויסשמועסן מיטן
אייבערשטן אליין,
און דעמאלט ווערט שוין אלעס פיין.

טראומע'ס פון אלס קינד,
וואס דארף אוועקגיין אצינד.
קען איך דאס גלייך מיטן אייבערשטן
אויסשמועסן,
און אפילו אפאר טרערעלעך מיטגיסן.
אן קיין שום שולד געפילן,
קען איך אלעס מיטן אייבערשטן שערן.
עס וועט זיין סטריקטלי קאנפידענשאל,
עס וועט נישט שאדן דיין פאטענשאל.

אויך ווען איך וויל מיט איינעם מיטטיילן
מיין פרייד און גליק,
קומט תפילה אויך צוניץ.
איך וועל אנפאנגען דעם באשעפער צו
דאנקן,
פאר מיין זיסע לעבן וואס ער האט מיר
געשאנקן!

פראביר אויס די עצה פון רבי'ן,
עס וועט די פשוט ליכטיג ווערן.
א נייע לעבן אנפאנגן,
א לעבן פול מיט שירה און געזאנגן!





# הפצה ווינקל

## בריוו פונעם ראש ישיבה

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת דברים, ה' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

שטארק דיך און גיי אן מיט דיין הייליגע ארבעט פון אויסשטעלן די ספרים עס זאל זיין גרייט צו דרוקן, עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך ביים אייבערשטן ווי עוסק זיין מקרב צו זיין אידישע קינדער זיי זאלן צוריק קומען צו האבן אמונה.

מוהרא"ש האט דערציילט, ווען דער הייליגער צדיק ר' יצחק מדראביטש זכותו יגן עלינו איז נפטר געווען איז אים רש"י הקדוש אנקעגן געקומען אויבן אין הימל און אים געפרעגט: "וואספארא גוטע מעשים טוט אייערע זון ר' מיכעלע זלאטשובער, אז אויבן אין הימל מאכט מען אזא רעש פון אים?" האט דער טאטע ר' יצחק מדראביטש געענפערט: "ער לייגט אריין כוחות אין דאווענען וכו'", האט אים רש"י הקדוש געזאגט: "פאר דעם אליינס וואלט מען נישט געמאכט אזא רעש דא אין הימל פון אים; אסאך צדיקים לייגן אריין כוחות אינעם דאווענען און מען מאכט נישט אזא גרויסע עסק פון זיי", האט דער טאטע ר' יצחק מדראביטש געזאגט: "ער לערנט זייער פלייסיג", האט אים רש"י הקדוש געענפערט: "דאס קען אויך נישט זיין די סיבה, ווייל אסאך צדיקים לערנען פלייסיג די הייליגע תורה, און פאר דעם אליינס רעש'ט זיך נאך נישט", האט ער געזאגט: "צוליב זיין חסד און צדקה וכו'", האט רש"י נאך אלץ נישט מסכים געווען, ביז ר' יצחק מדראביטש האט אים געזאגט: "אפשר ווייל ער ברענגט צוריק מענטשן צום אייבערשטן? ער איז עוסק אין דעם זייער שטארק", האט רש"י הקדוש געזאגט: "היינו דאהני ליה, יעצט פארשטיי איך שוין פארוואס עס רעש'ט זיך פון אים".

איך ווארט צו באקומען די לוח וואס שנעלער.

## ישועות אשר בנחל

מאנטאג אינדערפרי פרשת ויקרא תשפ"ד, ר' זאבי סרולאוויטש זיצט אויפן דרייווערס זיץ אין זיין גרויסן געלן מוסדות קלויזענבורג חדר באס אויף די שטאטישע גאסן אין מאנסי, ער דרייווט פארזיכטיג און באגריסט יעדן קינד מיט א שמייכל "א גוט מארגן".

אויף זיין קאפ האט ער אנגעטון א "העד סעט" וואס איז קאנעקטעד מיט בלוטוט צו זיין טעלעפאן, אז אויב ער באקומט א וויכטיגע קאל, זאל ער חלילה נישט דארפן האלטן דעם טעלעפאן אין די הענט. ער שפירט א דריזל אין טאש, און מיט א קליין קוק זעט ער אז דאס איז דער גבאי לייבי. פאר לייבי פון קרן הדפסה האט מען דרך ארץ, זאבי הייבט אויף דעם טעלעפאן, ווען לייבי אפערט אים צו קויפן א זכות אשר בנחל פאר פינף הונדערט דאלער. ר' זאבי זאגט אים ער וועט עס איבערטראכטן. נאך התבודדות איז אים אויסגעקומען אז ער זאל עס יא געבן, איי פון וואו וועט ער עס באצאלן? אשר בנחל איז דאך א געפרואווטע סגולה, דער אויבערשטער וועט זיכער העלפן.

פעסט פאָרווערד א וואך. מיטוואך פרשת צו, זאבי זיצט אויפן באס, און ווידער שפירט ער א דריזל. ווער רופט, אה עס איז מיין ווייב, א תלמוד היכל הקודש הייבט אויף דעם טעלעפאן ווען די ווייב רופט. נאך א קורצע באגריסונג זאגט אים זיין ווייב "מיין טאטע האט פאר אונז פינף הונדערט דאלער, קענסט עס אויפפיקן פון אים". "איך האב געארבעט אכט יאר צוריק אלץ מיידל פאר א פלעי גרופ, זיי זענען מיר געבליבן שולדיג צוויי טויזנט דאלער, זיי האבן דעמאלטס נישט געהאט קיין געלט צו באצאלן, מיט די צייט איז די חוב אינגאנצן פארגעסן געווארן. דער אויבערשטער האט אזוי געפירט אז פונקט יעצט האט מיין טאטע געטראפן דעם באלעבאס פונעם פלעיגרופ און זיך דערמאנט פונעם אלטן חוב, און ווען ער האט זיי דערמאנט דערוועגן האבן זיי געזאגט אז ער איז גערעכט, און תיכף נעמט ער ארויס פינף הונדערט דאלער און געבט עס אים, זאגענדיג אז דאס האט ער יעצט. איר קענט האבן אייער מעשה דא קומענדיגע וואך, רופט שוין לייבי אויף 347-578-4449

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email: subscribe@kerenhadfusa.org

קאל טעקסט: 718.387.2691

# נייעס פון קרן הדפסה

## וועכענטליכע עצתו אמונה נעמט אן ספאנסערס

די ששת ימי המעשה זענען שוין דורך, און דער שבת המלכה איז אנגעקומען, א מחיה, די שענסטע מתנה וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן, מען האט אביסל צייט פאר זיך, מען קען זיך אפגעבן מיט די ווייב און קינדער, מען כאפט אריין צו לערנען אביסל, און מען פילט זיך אן מיט פרישע געז פאר די קומענדיגע וואך דורך די "עצתו אמונה" קונטרס, וואס די געטרייע קרן הדפסה שיקט אפ ערליך כסדר.

עס איז ליידער דא ביי וועם די געשיכטע גייט אנדערש, שבת מיינט ביי זיי "דאס טאר מען נישט, יענץ טאר מען נישט", "איך האב נישט קיין נערוון צו מיין ווייב", "וואו קען מען גיין צו א שלום זכור, א קידוש, א שבע ברכות".

מיר דארפן דאנקען דעם אויבערשטן אז מיר ווייסן פון אן אויסוועג. ווילאנג נעמט פון ווען מען הערט אויף צו הערן דעם קול פונעם צדיק, אויב די בריוון פון עצתו אמונה ווערט ח"ו אלטע נייעס, מען הייבט אן טראכטן "נאכאמאל די זעלבע זאך", "נאכאמאל רעדן שיין צו די ווייב", "שכח אייבערשטער", ביז ווען דער שבת זעט אויס ווי די צווייטע מעשה?

יעצט וועלן אנשי שלומינו באקומען די געלעגנהייט צו קויפן די זכות פונעם קונטרס עצתו אמונה. כדי צו דעקן די הוצאות און איינוועגס געבן די געלעגנהייט פאר אונז אלע צו קענען קויפן דעם גרויסן זכות, וועלן אנשי שלומינו באקומען די מעגליכקייט ווערן די "ספאנסער פון די וואך", וואס וועט ווערן ארויפגעדרוקט אויפן דעקל מיט שיינע גרויסע אותיות. צו סיי וועלכע געלעגנהייט, במקום סעודת הודאה, לרגל א שמחה, א זכות פאר א ישועה, אדער סיי ווען, רופט דעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 347-578-4449, און כאפט דעם זכות פון א קונטרס ווילאנג די אויסוואל פון וואכן איז נאך גרויס.

# בילדער פון קרן הדפסה



צענדליגער קונטרסים אין סטאק אנגעגרייט פאר די מפיצים







נייע אותיות ווערן ארויפגעלייגט שער יעקב דוב כהן ומרים

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אוד רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **משה בראדי**<br>בארא פארק | **שמשון הערש טייטלבוים**<br>קרית ברסלב | **יואל ראזענבערג**<br>קרית יואל |
| **סיני אייזיקאוויטש**<br>מאנסי | **מרדכי יהודה לעווין**<br>לאנדאן | **יוסף מאיר שטיין**<br>קרית ברסלב |
| **אשר יושע בערקאוויטש**<br>מאנטריאל | **ישעי אײדליס**<br>וויליאמסבורג | **אליעזר שטרויס**<br>וויליאמסבורג |
| **אברהם חיים וויזעל**<br>קרית יואל | **חיים דוד ראזענבערג**<br>מאנסי | **בנציון דיוויס**<br>סטעטן איילענד |

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email:donate@kerenhadfusa.org

whatsapp: 347.578.4449

# בילדער

## אפטיילונג










מסיבה לטובת הכולל היכל הקודש אין וויליאמסבורג - א׳ תזריע תשפ״ד

קרעדיט: שמעון פיש



בר מצוה פון הבחור דוד נ״י בן מו״ה בניהו אונגאר הי״ו אין ירושלים שול קרית ברסלב



שבת מיט׳ן ראש ישיבה

קרעדיט: אליהו לב



הרה״צ ר׳ יצחק לעזער שליט״א ביי א שמועס פאר די בחורים פון ישיבת היכל הקודש ירושלים



תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק ביים זאגן ברכת האילנות - ב׳ תזריע תשפ״ד






שבע ברכות פארן מלמד מו״ה נחמן יצחק רכניצר נ״י אין תלמוד תורה היכל הקודש בני

ברית פון בן מו״ה נחמן ישראל בן מו״ה נתן יאקאבאוויטש שליט״א - ג׳ תזריע תשפ״ד







סעודת ראש חודש צוזאמען מיט יום הולדת רבינו אין שטעטל - ג׳ תזריע תשפ״ד






מסיבה פארן כולל היכל הקודש אין שטוב פון משולם נחמן פינטער הי״ו - ג׳ תזריע





סיום אויף ספר אמירה נעימה אין שטעטל חדר כיתה ב׳

קרעדיט: שמעון פֿיש







דער ראש ישיבה ביים מצות באקן אין קרית ברסלב מצה בעקעריי







קרעדיט: דוד טשינאַגל



דער ראש ישיבה ביים מצות באקן
אין קארלסבערג





תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק ביים
זיך לערנען וויאזוי צו באקן מצות

קרעדיט: אייזיק ראטה





חלוקה און שטעטל



כיתה א׳ שטעטל אין בעקעריי




מען לייגט ארויף דעם נאמען פונעם שם
הנדבן אויפן שער פונעם בית הדפוס



דער ראש ישיבה ביי א שמועס
אין כולל




בר מצוה פון הבחור שמואל דוד נ״י
בן מו״ה מנשה איצקאוויטש הי״ו




שיעור הלכה פון דיין שליט״א




וואכנאכט פון בן מו״ה שמואל
אייכנשטיין הי״ו






ביים געבען מזל טוב פאר'ן חתן אהרן
יוסף קליין נ״י





שבת התוועדות מיט די בחורים וואס גייען נאך
געלט - שב״ק תזריע תשפ״ד



תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל ביים קוקן די ליקוי חמה



אידן אין וויליאמסבורג ביים קוקן די ליקוי חמה




ליקוי חמה גלעזער אויסגעלייגט פארן ציבור אין שטעטל צו נעמען און הנאה האבן פונעם אייבערשטנ'ס וואונדער




ביים טאטאליטעט האט מען געקענט זען א צאל שטערנס און פלאנעטן, אויפן בילד זעט מען ווענוס/ נוגה, רעכטס פון די "געשלאגענע" זון, און דזשופיטער/צדק לינקס








די בילדער זענען פון די די ארט ביי די זעלבע לעיק, אין ברייטאן, ווערמאנט, אפגערוקט מיט 30 סעקונדעס איינס פון צווייטן! די ליכטיגע בילד איז נאך ווען עס איז געווען "טאג", ווען די זון איז איז געווען פארדעקט איבער 99%, און די טונקעלע אינגאנצן א האלבע מינוט שפעטער איז שוין ממש נאכט!, ווען די זון איז געווען פולקאם פארשטעלט אונטער די לבנה פאר איבער 3 מינוט








אינטערעסאנטע עקספירימענטן מיט די שאטנס ביים טיילוויזן טייל פונעם ליקוי...

# כולנו מסובין....

Self drive + couch-like seating



HURLEYVILLE
LEASING

*Wishes all our valued customers*

א כשר'ן פרייליכע פסח!

| Sales@hurleyvilleleasing.com | www.hurleyville Leasing.com | | 845-720-0041 |

בס"ד

# פרייליכע
# נייעס!




איר קענט זיך אויפסיינען צו באקומען דעם
שטארק אויפגעכאפטע וועכענטליכע

קרית ברסלב

**יעדע וואך ביי אייער טיר**

**תוכנ'דיג און ציענדיג וואס איר**
**וועט נישט טרעפן אין ערגעץ**

## אדרבה איבערצייגט
## אייך אליין

**צו סובסקרייבן רופט אריין**
אדער שיקט א טעקסט צו:

**718-387-2691**

Subcscribe@kerenhadfusa.org

קינדער
# בלעטל




קרית ברסלב בלעטל
ווינטשט אלע חשובע קינדער
# א כשר'ן פריילכן פסח

שפיל טישל

דעם
רבינ'ס
חדר

# איך ווארט אויס מיין שידוך

בית פיגאו ווערן

מ.ל. און מ.ק. ארץ ישראל

נאך א יאר איז שוין פארביי,
און דא ביים סדר איך שטיי,
נאכאלץ אויף מיין שידוך איך ווארט,
און ביים אייבערשטן בעט איך דערפאר.

**קדש**

וואס מיינט ביי מיר קידוש,
א קידושין רינג זאל מיין חתן שוין געבן מיר,
ביים חופה וויל איך שוין שטיין,
און אויפבויען א שטוב הערליך און שיין.

**ורחץ**

יא, אזויפיל טרערן שוין פארגאסן,
אבער צום סוף וועל איך פון דעם געניאסן,
א תפילה מיט א טרער,
וועט מיין לעבן מאכן שענער.

**כרפס**

איך וועל נאר געבן אכט,
געזאלצענע טרערן קומט נישט אין באטראכט,
נישט האבן חס ושלום קיין קושיות אויפן אייבערשטן,
נאר זיך אויסוויינען ווי א קינד צו זיין טאטן.

**יחץ**

באשעפער, א האלבע מענטש יעצט איך בין,
מיין צווייטע האלב ברענג מיר אצינד,
עס זאל מער נישט זיין באהאלטן,
און ביז דעמאלט זאל איך זיך קענען דערהאלטן.

**מגיד**

מיין תהילים וועל איך זאגן,
דאס וועט מיין שידוך צויאגן,
מיטן בעטן און אין באשעפער גלייבן,
טוט זיך די ישועה שנעלער וועבן.

**רחצה**

ווען איך גיי מיין הענט וואשן,
בעט איך באשעפער, טו מיין מח אויסוואשן,
פון שלעכטע מחשבות וואס טוען מיר צומישן,
און ווילן מיין שמחה און אמונה אוועקווישן,

**מוציא מצה**

א כהן, לוי אדער ישראל ביי מיר קיין חילוק,
באשעפער, מיין שידוך שוין מיר שיק,
זאל זיין כאטש ווער,
נאר ברענג אים שוין אהער.

**מרור**

באשעפער, קוק מיין געוויין,
ביטער זאל נישט זיין,
ליכטיג זאל שוין ווערן,
און א גוטע לעבן טו מיר באשערן.

**כורך**

אזוי ווי די צוויי מצות זיך אנגעפילט מיט א זיסן טעם,
זאל מיין שטוב לעבן מיט א ברסלב'ע פלאם,
ווייל דורך פאלגן א צדיק'ס דיבורים,
ווערט די לעבן זיס, מען טוט נישט פארלירן.

**שלחן עורך**

נאר ווער עס האט זיך דערהאלטן ביז אהער,
קען יעצט געניסן מער און מער,
א שטארקע לימוד פאר מיר עס באדייט,
אנטלויף נישט, ווייל אט אט קומט די צייט.

**צפון**

מיין אפיקומן בעט איך ביים באשעפער,
מיין חתן שוין ברענג אהער,
עס זאל זיין ערליך, גוט און פיין
און לעבן פאר דיר אליין,

**ברך**

באשעפער, מיט פרייליכקייט טו מיר בענטשן,
איך זאל מיט דעם אויך אנשטעקן נאך מענטשן,
ווייל ווען מען איז פרייליך אלעמאל,
ברענגט עס ישועות אן א צאל.

**הלל**

הייליגער באשעפער העלף איך זאל דיר אלעמאל דאנקן און לויבן,
נישט פארגעסן די חסדים וואס דו שיקסט מיר פון אויבן,
יעדע ריר, בייג און טריט,
אלעס איז פון דיר, עס איז נאר גוט.

**נרצה**

לשנה הבאה בני חורין.
נעקסטע יאר עס זאל שוין זיין,
מער נישט זיצן אזוי אליין,
שוין נישט דארפן זאגן פשעטלער נייע,
און שוין זיין אויסגעלייזט א מחי'!




געמאכט דורך: פייגי אינדיג

# מעשה'לעך פאר קינדערלעך

## זִיךְ דֶערְהַאלְטֶן

אָה, אִיךְ בִּין נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן! לָאמִיר פְּרָאבִּירְן נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְקְרִיכְן דִי גְרוֹיסֶע הוֹיכֶע לֵייטֶער; אֵיינְס, צְוֵויי, דְרֵיי; אָהּ, עֶס גֵייט נָאךְ אַ טְרֶעפּ, נָאךְ אַ טְרֶעפּ, אָה, נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן! אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט, אִיךְ גֵיי שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּן, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט פְּרוּבִּירְן!

דְ-רַ-א-פֶּ-ע זַ-י-ךְ!!!

וֶוער שְׁרֵייט? אִיךְ זֶע נִישְׁט קֵיינֶעם דָא...

דְ-רַ-א-פֶּ-ע זְ-י-ךְ א-וּ-ן דֶ-ע-רְ-הַ-א-לְ-ט זְ-י-ךְ

אָהּ, אוֹיבְן בַּיים שְׁפִּיץ פוּנֶעם לֵייטֶער זֶע אִיךְ אַ מֶענְטְשׁ, וֶוער אִיז דָאס? אִיךְ הָאבּ אִים נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען.

גֶעוֶוען אִיז דָאס אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, מִיט אַ חַיוּת; עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייְדט בַּיי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אָבֶער עֶר הָאט אַלְץ גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען מוֹצָאֵי שַׁבָּת, עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ לֵיידִיגֶע שׁוּל עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תְּהִלִים מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין בִּיז עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן דָארְט אִין שׁוּל.

עֶס אִיז שְׁטִיל, אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ רֶבִּי נָתָן גֶעפוּנְט זִיךְ, רֶבִּי נָתָן שְׁלָאפְט אִין שׁוּל אוּן חָלוֹמְ'ט זִיךְ וִוי עֶר ווִיל אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע הוֹיכֶע לֵייטֶער, אָבֶער עֶר הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, עֶר פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אוּן עֶר פַאלְט ווִידֶער אַרָאפּ, פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט עֶר אַ קוֹל וָואס שְׁרֵייט: "דְ-רַ-א-פֶּ-ע זְ-י-ךְ א-וּ-ן דֶ-ע-רְ-הַ-א-לְ-ט זְ-י-ךְ!!!"

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט וֶוער דָאס אִיז גֶעוֶוען? וֶוער עֶס הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּ רֶבִּי נָתָן: "דְ-רַ-א-פֶּ-ע זְ-י-ךְ א-וּ-ן דֶ-ע-רְ-הַ-א-לְ-ט זְ-י-ךְ"?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ רֶבִּי נָתָן אִים מְחַזֵק זַיין עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, עֶר זָאל נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן; דָאס אִיז דֶער לִימוּד וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז, מִיר זָאלְן נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְ'ן לֵייטֶער פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

קִינְדֶער, לָאמִיר אַלֶע זִיךְ גוּט אָנְכַאפְּן אִינֶעם לֵייטֶער, מִיר זָאלְן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, אוּן אוֹיבּ מִיר פַאלְן וֶועלְן מִיר נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְקְרִיכְן.




**פְּרוּבִּיר נָאכְאַמָאל!**

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

# פסח =



## ברסלבע'ע חידות

**דער הייליגער קדושת לוי האט געזאגט: ווען מען מאכט פסח'דיג ווערט באשאפן די זעלבע הייליגע מלאכים וואס ווערן באשאפן**

א. ביי תקיעת שופן ראש השנה ביינאכט
ב.ביים מאכן שלוח הקן
ג. ביים יום החופה
ד. פורים בייטאג

**געווינער פון פאריגע וואך:** שלום פריעדמאן - מאנסי

## א שטיקעלע ספר המדות

### אֱמוּנָה

**א. צָרִיךְ לְהַאֲמִין בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּדֶרֶךְ אֱמוּנָה, וְלֹא בְּדֶרֶךְ מוֹפֵת.**

דִי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף זַיין אוֹיף אַ וֶועג אַז מֶען גְלֵייבְּט פָּשׁוּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט דוּרְכְ'ן עֶס אוֹיפְוַוייזְן מִיט רְאַיוֹת אוּן מוֹפְתִים.



# ברייק טישל

## טרעף די וועג

טרעף די וועג צום
הייליגן **סדר נאכט**





## טרעף די ווערטער

וויפיל מאל קענסטו
טרעפן דאס ווארט
**"פסח"?**

| | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | פ | ס | ח | ח | פ | פ | פ | ח | פ | ל |
| ס | ר | ח | ל | ד | ס | ס | ס | ס | ס | ש |
| ח | ס | ש | ו | ח | פ | פ | ח | ח | ח | פ |
| פ | ס | ח | ס | ק | ס | פ | פ | פ | פ | ד |
| ט | ס | פ | ח | ע | ח | מ | ס | ס | ל | ח |
| פ | ח | ס | פ | ס | ס | פ | ס | ח | ח | פ |
| ט | פ | פ | פ | ל | פ | ב | ס | ס | ס | ח |
| פ | ס | ס | ס | ח | ח | ט | פ | ח | ס | פ |
| ס | ח | ח | ח | ס | י | ס | ס | פ | ח | ס |
| ח | פ | ס | ח | פ | ח | פ | פ | פ | ס | ח |
| ח | פ | פ | ז | פ | ט | ס | ח | ס | פ | ו |
| ס | פ | ס | ס | כ | ב | ח | פ | ח | ס | ח |
| פ | ס | ח | ח | ח | ס | פ | פ | פ | ס | ח |
| ס | ח | ח | ד | פ | ס | ה | ס | פ | ח | ס |
| ח | ס | ע | מ | ח | פ | ח | ח | ס | ב | פ |
| ס | פ | פ | ס | ח | ס | ס | פ | פ | ס | ח |
| פ | ס | צ | פ | ס | ח | פ | ח | פ | ס | ח |
| ס | ח | ב | ח | ס | פ | ס | ס | ח | ח | ס |
| ח | ס | פ | ס | ח | פ | ח | פ | ס | ס | פ |
| ח | פ | ס | ח | פ | ס | ח | פ | ח | ס | פ |
| ח | ס | ח | פ | פ | ח | ח | ס | ח | כ | ח |
| ס | ח | פ | ס | ח | ס | פ | פ | ח | ס | ל |
| פ | פ | פ | ח | פ | ז | ס | ס | פ | ז | פ |
| ס | ס | ס | ח | ס | ח | פ | ס | ח | ס | פ |
| ח | ח | ס | פ | ח | ע | ח | ס | פ | מ | ב |

# קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

**845.379.1161**

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



שרה בלימי לאנדא



שפרה און נחמן נתן זוסמאן



שלמה וויזעל



משפחת פליישמאן - מצה בעקריי



גאלדי לאקס - קרית ברסלב



מאיר מזרחי קרית ברסלב



אליעזר שלמה שטיינבערג

**Farkas Judaica**

Last seen 09/27/23

We are now

**Custom Showroom**

917-474-6118

Reply

Scan to get notified
on updates and to
view our products

aimcreatives.co


לשנה
הבאה
בארעא
דישראל
מוסדות
היכל הקודש
בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני
הנהלת המוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
וואונטשט פאר אלע אירע שותפים, און פאר
גאנץ כלל ישראל א כשר'ן פרייליכן פסח
marketedge 718.207.8863